243

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 383) פיר און צוואַנציקסטן יאָר סעפטעמ. 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

הנני העני ממעש, מאמע יידיש׳ס מענה-לשון ..... •• 1
דער מאָטיוו פון זאָגן „כל נדרי" (עסיי) ..... יעקב ריכטיגער 4
אין טעג פון תפילה, מיין לעצטער געזאַנג (לידער) ..... שמואל וואַהיט 7
די קינדערלעך צום נייעם יאָר (ליד) ..... מערי קויען 8
כּרעים, די שול (לידער) ..... יוסף לעפּטוויטש 9
סתם אזוי (ליד) ..... עלע זילבערג 10
שמע ישראל! (מיניאַטור) ..... יאָסל חריף 10
דער זיסער חלום (סקיצע) ..... דוד בערמאַן 11
די ווידוי פון א כולעגאַן (ליד) ..... יעסענין (יידיש מ. דאַמב) 12
ד׳ צווייטע ליבע . . . (דערציילונג) ..... יהודה ביעטש 13
א מעשה מיט א גט (הומאָרעסקע) ..... משה בעקערמאַן 18
ליטעראַטור . . . אין קייטן (נאָטיצן פון א לייענער) ..... מ. אלמאַן 19
מיין טאַטנס שטאָט (פּראָזע), תשליך ביים ברעג פון ים, די באַלאַדע פון ר׳ דודל לעלעוועס זיך באַווייזן ביי תשליך ..... א. נ. שטענצל 20
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ..... 37
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

אברהם סוצקאָווער — א בן חמשים. מיר שיקן אונזער באַגריסונג צום פּאָעט **אברהם סוצקאָווער**, דעם רעדאַקטאָר פון דער „גאָלדענער קייט" מיר ווינטשן אים נאָך א סך א סך גוטע יאָרן פון פרייד און שעפערישע אַרבעט — עד מאה ועשרים שנה!

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט-פרייז :—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

244

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 10-11 (העפט 383) פיר און צוואַנציקסטן יאָר אָקט.-נאָוו. 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

דער אָפּגעדאַנקטער „גוטמאַכונג"-קאַנצלער דר. אַדענאַוער, צייט-און צייטונג-לידער ..... •• 1
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער באַטייט פון די פיר מינים) ..... יעקב ריכטיגער 10
א זעלטענער איינפאַל פון א ליטעראַטור-הענדלער (דערציילונג) ..... משה בעקערמאַן 14
נאָר מיין האַרץ (ליד) ..... הערשל פּאַצאַנאָווסקי 17
מיידלעך פּאַרזעסענע (אין פאָלקליד טאָן) ..... עלע זילבערג 17
מיין טאַטנס-שטאָט (פּראָזע) א קעניגלעך-ליד ..... א. נ. שטענצל 18
אלמי (נעקראָלאָג-עסיי) ..... יוסף לעפּטוויטש 39
ש. זאַלקין ע.ה. (נעקראָלאָג) ..... עלע זילבערג 46
אלחנן האַגלער-ראָזשאַנסקי ..... משה דאַמב 47
יידישע ביכער פאַרן בריטישן מוזעאום אין לאָנדאָן ..... מ.ז.
חצות (ליד) ..... ש. זאַלקין 49
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ..... 50
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

איינאיינציקער וואָרט-קאָנצערט פון וועלט-באַרימטן

**הערץ גראָסבאַרד**

וועט פאָרקומען דאָנערשטיק דעם 7-טן נאָוועמבער, 7.45 אָוונט

אין דעם נייעם קאַמיוניטי-צענטער פון דער סט. דזשאָנס-וואָוד סינאַגאָג

א באַגרענעצטע צאָל בילעטן צו באַקומען

Telephones: HOLborn 2143 HAMpstead 9186

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט-פרייז :—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 383) פיר און צוואנציקסטן יאר אקט.־נאוו. 1963 לאנדאן

## דער אפגעדאנקטער „גוטמאכונג" קאנצלער דר. אדענאוער

אן שום ספק זיינען אין דייטשלאנד געווען יחידים, יוצא־מן־הכל'ס, הומאניסטישע און עטישע מענטשן אפילו אין דער היטלער־צייט, על כל פנים אויף אזויפיל, אז די אויסנאמען זאלן באשטעטיקן דעם רעגל. און נאך דער טיכטיק־גרויסער נידערלאגע, וואס די רוצחים פונם טויזנט יאריקן רייך האבן געהאט — פון חרטה־געפיל, (רוצחים קאנען אויך תשובה טון). פון דיפלאמאטיש־פאליטישן שטאנדפונקט, — איז געווען לכל־הפחות אנצונעמען, אז דאס געשלאגענע דייטשלאנד וועט גריילעך אויסזיכן פאר זייער מנהיג, פאר זייער נייעם פירער, פאר זייער ראש לשועלים, איינעם פונם יוצא מן הכלל, אזוי זאגט אינטער דער ערשטער שקול־הדעת, די מענטשלעכע פארנינפט — די דויטשע בארימטע פארנונפט. איז אפילו דאס־א אפנים — ווי עס לאזט זיך לעת־עתה אויס! — נאר געווען אן אילוזיע. אפנים דער טאלמוד איז דאך כשר גערעכט: „ארורים רשעים שאפילו על פסח של גיהנום אינם חוזרים בתשובה".

עס וועט קיינער נישט לייקענען, אז דער דייטש איז טיכטיק, אז זיי נעמען אונטער א זאך פירן זיי עס אויס גרינדלעך, אלץ ווערט געמאכט מיט דער לעצטער מאדערנער טעכניק, אין אנגרא, אויף א גרויסן פוס: אז יידן מארדן איז אין די מיליאנען, אז א מלחמה — פאלן 10'נער מיליאנען — מיט גאזקאמערן און קרעמאטאריעס, מיט בליץ" און מיט ראקעטס; אז ראבעווען איז די גאלדענע ציין פון מויל געריסן, די זיידענע צעפ מיידלעשע האר פון די קעפ געשוירן — דאס געביין פון די סקעלעטן אויף פעלד־מיסט צעמאלן.

עס וועט קיינער נישט לייקענען, אז דר. אדענאוער, דער גוט־מאכונג קאנצלער, איז געווען טיכטיק און סוחריש פעאיק (נאטירלעך מיט אזא מה־יפית־מעקלער ווי דר. נחום גאלדמאן . . .), נאך אזא טיכטיקן און גרינדלעכן מלחמה־פארלוסט פון זיין מדינה, זי אזוי שנעל צוריק אויפצובויען מוז מען זיי טיכטיק — נאטירלעך איז נויטיק דערצו דאס אפגערויבט גאלד און געלד, דאס האב און גיטס פון די טויזנטער פארטיליקטע יידיש ישובים, דאס צוגענומענע עשירות פון די באזעצטע לענדער. טיכטיקייט מיינט נישט צו מאכן פון שניי גאמעלקעס, פון דרעק מאכן גאלד — טיכטיקייט מיינט, אז מ'האט מיט וואס קאן מען זיך די הענט צעפירן. טיכטיקייט מיינט, אז מלאטכענט א שעפס, טוט מען אים נישט נאר קוילען און דאס פלייש סלינענדיק אויפפרעסן, נאר די וואל פריער אפשערן, די אויסגענאטשע ביינער פארציקערן; אפילו די אויסגעגארבעטע פעל פארקויפט מען צו פרומע מזוזה־שרייבער! פון די הערנער מאכט מען שפרות און מען געפינט שוין די קליגע בעלי תקיעות זאל בלאזן אין הארן . . .

## לאנדאנער קולטור ידיעות

די סינאגאגעס בתי־מדרשים, די שולן, די שטיבלעך אין לאנדאן, אין די פארערטער, אין די פראווינץ־שטעט זיינען געווען געפאקט מיט הונדער־טויזנדטער יידן. נישט נאר די היימישע חזנים האבן אריינגעווארפן אין די תפילות א חסידיש ניגון, א וואלע־כל, נאר אפילו פון די געמישטע כארן ביי די רעפארמער און ליבעראלן האט מען געקענט הערן א היימישן „מכלכל־חיים".

די וויצ"א אין ווייטשעפל האט געמאכט דעם אליערלעכן שמחת־תורה־טאנץ און ס'איז געווען א פיינער דערפאלג.

ביים שבת געווידמעט דעם ימים נורא'ם־פאלקלאר האט גערעדט איבער די סכות מנהגים יעקב ריכטיגער פארגעליינט פון די קלאסיקער שרייבער — נעט רובין.

„פריינט פון יידיש לשון" א חוץ די רעגל־מעסיקע יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמי־טאגס, וואס גייען אן א גאנץ יאר, האט באלד נאך די ימים־נוראים אנגעהויבן מ'ט א'ר ווינטער־סעמינאר פאר יידיש וויסן, די ערשטע דריי לעקטארס זיינען געווען: מיכאל זילבערבערג, יעקב ריכטיגער, מ. ס. סידא.

דער ארבעטער־רינג האט געעפנט זיינע זונט'ק־רעפראטן מ'ט א גאסט רעדנער פון פאריז, דער מיט־רעדאקטער פון דער נייער פרעסע חבר גאלדפינגער, דעם פארזיץ האט געפירט אברהם האלאנד. דעם פארום א'בער דעם טעאטער־שט'ק „דער רעפרעזאנטאט וו" וואס שפילט יעצט אין לאנדאן האט געפ'רט עלעק וואטערמאן.

ביי דער איצט געעפנטער אויסשטעלונג א'ן „בן־אורי" ווארפן זיך אין די אויגן געלינגענע זאכן און מיר ראטן קונסט־ליבהאבער צו באזוכן די אויסשטעלונג.

א'ן אדלער־הויז האבן זיך שוין אנגעהויבן די ווינטער קאנצערטן און פאפולערע פארטראגן.

דעם 7'טן דעם חודש א'ז דער ווארט־קאנצערט פון הערץ־גרויסבארד א'ינגעאָרדנט פונם יוו"א. מיר טרעפן זיך אלע ביי דעם אוונט צו הערן דעם גרויסן ק'נסטלער־אקט'אר אויסטייטשן אונזערע קלאס'קער קונסטלעריש־געשטאלטן אונזערע מאדערנע ליריקער און סאטיריקער. גראסבארדן הערן לייענען א'ז א גרויס דערלעבעניש.

הרב מושל דער רבי פון שטובל פוילן־וועסטרייך, געפינט זיך אין שפיטאל, מיר ווינטשן א רפואה שלימה.

דאס יידישע טעאטער אין גרענד־פאלעי האט אנגעהויבן זיינע ערשטע בענעפיטן. אונזער גרויסן דאנק די חברים־גרופע, אז מיר האבן דאס נאך כאטש א זכר־לטיאטער.

ביי דער ערשטער מלווה־מלכה אין בית־ציון האט גערעדט הרב המפורסם רבי ציטערמאן. געזינגען האט חזן רעוו. ברוך סמוס עס האבן זיך נאך באטייליקט הרב האלזשטוק, דער פרעזידענט פון דער פעדערייש מ. לעדארמאן, מר ל. גייער, ב. יאראו, דער פארז'ץ האט געפירט נייטן ראבינאוו'טש.

ראביי שלום ראזענבלום, פון האוו האט ביי א שבת נאכמיטאג זייער אויסגענומען מיט זיין קול־נ'גנה, זינגענדיק תפ'לות און רעליגעזע פאלקס־לידער. מאיר באגדאנסקי ביי א שבת נאכמ'טאג מיט זיין ז'נגען א סעריע פאלקס־לידער האט געהאט גרו'ס דערפאלג.

דער בונדישער פירער פון אמעריקע דר. שערער א'ז געווען דא א גאסט ביי דער בונד־גרופע אין הויז פון ח. קוטש'נסקי. פערגאנגענעם חודש א'ז געשטעלט געווארן די מצבה [illegible] פאדרושניקן ע.ה.

דער [illegible]דישער וועלט־קאנגרעס האט אראפגעברענגט דעם באקאנטן פאעט אלחנן וואגלער ער זאל האלטן א רעפעראט א'בער ה. לייוויק. דעם חשובן גאסט האבן באגר'סט: ש. י. הארענדארף, יוסף פרענקל, י. א־ל'סקי און משה דאמב. דעם פארזיץ האט געפירט ש. י. גאלדשמ'ד.

צום 100 סטן געבוירן־יאר פון ש. אנסקי האט „די קולטור געזעלשאפט" ארויסגעלאזט א בולעט'ן מ'ט אן עסיי פון י. ח. קלינגער. אין דער דזשואיש קראנ'קל א'ז געווען אן עסיי איבער אנסקי פון יוסף לעפטוו'טש.

ביים שבת געווידמעט דעם יובל החמישים פון אברהם סוצקעווער האט יידל גאלדבערג געליינט סוצקעווערס זאכן. יודל גאלדבערג איז געפארן אויף א באזוך קיין ישראל, אויפן לך־לשלום ביי די שבת נאכמיטאגס האט גאלדבערג געליינט מ'ט גרו'ס הערכאלג א דערציילונג פון באשעווי'ס.

זונטיק דעם 24 נאוועמבער דער פאלקס־לידער קאנצערט אין בן־אורי: עס באטייליקן מ'ט זינגען תפ'לות און רעליגיעזע לידער חזן רעוו שמואל רא'ט, מ'ט פאלקס לידער און ארבעטער לידער מאיר באגדאנסקי, לידער פון געבירטיק — אליהו זאמעק.

אז דר. אדענאוער וועט בלייבן דער „גוטמאכונג״־קאנצלער פון דייטשן פאָלק קאן קיינער נישט מער לייקענען. זיך צו איבערצייגן אין זיין שאַרפזיניקע טיכטיקייט, ברויך מען בלויז איינמאל צו זען זיין קאַנטיקן שאַרפן פוקס־קאָפּ מיט די פאַספאַר־גלימערדיקע וואלפס־אויגן, זיין זעגלדיק געשליפענעם שטערן; די שפּיציקע רייד ווי די „זעבל־באַנען״ שיטן זיי זיך פאַרנינפּטיק און טיכטיק פונם מויל פונם קאַנצלער פון באַן — מ׳האט פאר זיך דעם טיכטיקן מ׳אַן! אבער אז ער זאל אזוי טיכטיק קאנען זיין, ווי דאס לעצטע מאל פאר זיין אפדאנקן, ווען איך האב אים געזען אויף דער טעלעוויזיע, האב איך מיט מיין גאנצן מיסטרויען צום נייעם דייטשלאַנד״, אויך נישט גערעכנט אז ער איז. איך האב אים דאך צוגעשריבן צו זיין טיכטיקייט א געוויסע ריינער אינ־טעליגענץ, א געוויסע דאזע מענטשלעכע מאראל, פאטער־לאנדס ליבע פון גוטן געמעסיקטן בירגער, איז ער דאך סוף כל סוף דער פריינט פון זיין „ליבן פריינט דאוויד בענגוריאָן״... אבער אז ער זאל אזוי טיכטיק זיין און ענדיקן (צירליך־מאנירליך), זיין גוטמאכונג״־קאריע מיט אן עפענטלעכע דערקלערונג אומגעפער: אז דאס דייטשע פאלק האט קיין שום שולד־געפיל בנוגע די גרויזאמקייט צום יידישן פאלק. א.א.וו. א.א.וו. אזא טיכטיקן און בראוון מאן קאָן מ׳ען, ביים בעסטן ווילן, קיין אומדיפלאָמאַטישע געפילן בכלל נישט צו שרייבן.

בראוואָ! ווי האט פרידריך פאן שילער געזאגט: דער נעגער האט זיין ארבעט געטון, דער נעגער קאן גיין״. און ווי זאגט אונזערס א פסוק: דער שווארצער וועט זיין הויט נישט בייטן — א „גוטער דייטש״, בלייבט א גוטער דויטש!

מיר די „אסט־יודן״ גוט אינם בלוט אויסגעבאָדן אויף קאטילישן און גריכיש־קאטוילישן באדן, הערנדיק דעם שילערישן כאר פון דער נײַנטער סימפאָניע, זעענדיק די „גרעטל־טראַגעדיע״ פון יינגען געהטע, האבן מיר געהאט א משכילישע אילוזיע, אז מיר לענען זיך אן אויף א געזינטע מויער — עס איז אבער נאר געווען א נארישע קוליסן וואנט פון — א „נאטאן דער חכם״, איז עס איינגעפאלן ווי אין א דאן־קיכאטישע עפּאָכע פריער — דאס שפאנישע ווענטל! מיר לאזן זיך נישט מער איין אויף קיין אילוזיעס, אפילו נישט אויף דער שטייער וואנט צווישן ביידע דויטשלאַנד, אבער א שטיקל סאטעספאקציע, מוזן מיר מודה זיין איז עס דאך . . . מיר זיינען אבער מודה אז ס׳איז „שאדן־פרייד״! און אז נאך 18 יאר, און מיר ווארטן נאך אלץ, אז דאס דייטשע פאָלק זאל זיך קלאפן „על חטא״ מיט געבויגענעם קאפּ, נישט ווארפן פון אויבן אראפּ ערב־יום־כפּורדיק אין קערה אריין, איז עס נישט — נאר „משנאת המן״, נאר דער עיקר „מאהבת מרדכי״ — מיר ווילן באפרייט ווערן פונם מאוסן געפיל פון שאדן־פריי — „לא תקום ולא״.

• •

פ.ס. זייט מוחל, עפּעס פערזענלעכס:

נאך פארשידענע פארשלאגן מצד דייטשע קאלעגן און דייטשע פערלאגן איז אריבערגעקומען א יינגער פיינער פּאָעט, האב איך אים געפרעגט: „האט זיך שוין אין דייטש געשלאגן קאפּ אין „דער וואנט״ און מיט געבויגענעם קאפּ זיך



געקלאפּט „על־חטא״? האט ער מיר ערלעך און אומשולדיק געענטפערט: „ניין. אפשר אויף דער אנדערער זייט, אויף דער קאמוניסטישער״ . . .

„אויב אזוי״, האב איך אים טרויעריק, לגמרי נישט סאַרקאסטיש, — געענטפערט: „איז דאך די וואנט זייער נויטיק, על כל פנים פאר זיי, וואס האבן נישט די מטבעה צו ווארפן פון אויבן אראפּ, אין דער קערה אריין״ . . .

## וויאזוי קען מען זיי מוחל זיין?

א כאלק וואס בעט נישט קיין מחילה,
איז וויאזוי קאן מען אים פארגעבן?
פון גראב אָפּגעראַבעוועטן געלד און גאָלד,
די דרייסיק קופער גראָשן געגעבן —

אונז פארמענצענט, אויפגעהאָנגען
און דעם יודאַש פון אונז נאָך צו מאַכן?
אזא „גוטמאַכונג״, אי געמאָרדעט,
אי פון קרבן זיך נאָך אויסצולאַכן.

רוצחים וואָס אויף זייערע פינגער,
פארגליווערטע בלוט־שלאַדעס נאך קלעבן,
די גלאָבקעס פון לאנד זיי זיינען,
נישט נאר פראנק און פריי איצט דאָרט זיי לעבן.

די חוצפה פון אן אומה שפלה,
קינדער הויך אויף פיקעס אויפצושטאַכן,
און צו שטאָלץ מחילה צו בעטן —
שפּילן־זיך־אויף מיט רעקוויעם פון באַכן!

זעקס מיליאָן קדושים נשמות
איבער מיין קאָפּ שעפּטשעדיק שוועבן:
א פאלק וואס בעט נישט קיין מחילה,
איז וויאזוי קאן מען אים פארגעבן?

## מוחל...

מיט תמימות מ׳קאן נארן א וועלט,
ווי מיט ענויות זיך גרויס מאכן,
און אויף אלדעס־בייז א באַווייז,
קלוג אויספּילפּלען, פרום אויסתנכ״ן —

אין ישעיה, ווי להבדיל,
אין לוקאס וואס נישט אריינטייטשן,
אפילו, אז אין גאז־קאמער
קינדער נאַקעט אריינצובייטשן:

יאָ, גאָט איז דער אל־נקמות,
צו אייגענע אַ בייזער טאַטע,
אָבער צו פרעמדע — אל מוחל,
דער גאָט פון ליבע, ברוך אתה.

מילא דער דייטש שוין אַ תירוץ,
פאַר קינדער זיינע, פריצל און גרעטל — —
בלויז אַ ייד זאָל קאָנען פאַרשטיין,
פאַרוואָס פאַרוויסט ס׳יידישע שטעטל ?

עס וואָלט דער מאָוסטער יעזואיט,
עס גאָרנישט געקענט מאַכן בעסער — — —
מוחל אַזעלכע געטער מיט
שליחים — עס־אַ און עס־עסער.

## אָפּגעדאַקטערט דער קאַנצלער, דער קאַנצלער פּראָפעסערט

„ער האָט זיך אַרויס געזאָגט, נאַטירלעך אין פּרינציפּ בלויז
פאַר די דייטשע גרענעצן פון ניינצן זיבן און דרייסיק"
אַ, דער נייער קאַנצלער זעט אויס צו זיין, נישט נאָר טיכטיק
אַ בופלאָקס, דעם קאָפּ פאָראויס — אָפּנים זייער פלייסיק.

„דעם פאָטער פונם עקאָנאָמישן נס אין דייטשלאַנד",
רופט מען דאָך אים, דעם נייעם קאַנצלער, דעם קינצלער־בעל־מופת.
יאָ וויל איך פרעגן, וווּ ר׳איז געווען מ׳האָט קינדער,
ווי אין שטייגן געפאַנגען און געוואָרגן ווי די עופות.

הער דאָקטאָר, הער פּראָפעסאָר, אייראָפּעאישער קאָפּ־מענטש,
דאָס בוך „דייטשע פּראָפעסאָרן" האָט איר מיט קאָפּ געלעזן ?
קאָן מען אויף אַזוינס קוקן, רעטראָ־צי מיקראָסקאָפּיש,
ווי אויף ווילדע האָטנטאָטן, ערגעץ ווו אַמאָל געוועזן ?

און ווער געמאַכט די געטאָ־גרענעצן אין די שטעטלעך,
און אויסגעמאָסטן די קברים לעבעדיק צו באַגראָבן ?
יאָ, אויב היטלער דער שליח בלויז פון דער קאַטוילישער קירך,
אַזוי ווילן דאָך אַצינד די גוטע דייטשן עס האָבן,

טאָ איז סטאַלין געווען דער שליח פון דער סינאַגאָג,
גוג־מיגוג, נקמה צו נעמען פאַר די סינאַגאָגן —
פאַר דער „קריסטאַל־נאַכט" ! מען מוז זיך היטן, ווי פאַר רוצחים,
פאַר די זיסע ריידעלעך פון ביטערע דעמאַגאָגן.

## צו הזכרת נשמות תשכ"ד

נאָך 12 טויזנט יאָר מ׳האָט ענדעקט די בערג איצט,
דאָס וואָלקאַנישע אַש פון די אַטלאַנטידן ;



פון אַ טרערן־אָצעאַן ס׳שטייגט אונזער באַרג,
דאָס קרעמאַטאָריע אַש פון די 6 מיליאָן יידן.

12 טויזנט יאָר ציט זיך אַ לעגענדע,
ביז מען ענטדעקט ס׳איז געווען דער גאַלער אמת !
אונזערע גרוילן — לעגענדע זאָל בלייבן,
וויפיל לעגענדעס שרייבן, וויפיל פּאָעמעס.

אין אונזער אייז־פּעריאָד, אייראָפּעאישן,
וואָרעם אַ געהאַלף־שטראָם אַנאויפהער זאָל ציען,
יידישע טרערן־ליד קלאָר מוז אויפפינקלען,
אונטער באַרג אַש דער פונק נישט אויפהערן טליען.

## זכרון פון מיין היים — צוואַנציקסטע יאָרצייט

1. צום אויפשטעלן די גראַניט מצבה אויפן בית־חיים אויפן טשעלעדזשער־וועג

די שומרים דאָרטן שטייט איר און היט די היים,
איבער קברים אַ נר־תמיד איר צינדט אָן,
היים פון מיין ברודער, איש־תם, קדוש־אלוקים,
און פון קאָזשעגלעווער און טשאָכעטשעווער גאון.

פלאַם פון אַנגעצונדענע קרעמאַטאָריעס,
פלאַטערט אַצינד דאָרטן רויט־צעוויקלטע פאָן.

מיט זיין בלוט שוין באַשפּריצט זי שלאָמקע שטעפער,
מיט די קוילן־גרעבער טרעטנדיק שווער אין שריט,
און אפרים קליינמאַן און דוד זיטמאַן,
אויפזינגענדיק דאָס ליד, געגאַנגען אין דער מיט.

ווען כ׳טראַכט פון מיין היים איצט שטייט זי פאַר מיין בליק,
אותיות צעקריצטער קרישלדיקער גראַניט.

די שומרים דאָרטן שטייט איר און היט די היים,
צי קען דען אַהיים אויפהערן אַהיים צו זיין ?
זיבעציק יאָר לעבט דער מענטש, און אַז אַכציק — — —
מאַמע־ערד פאַרוואָרצלט מיט אייגן געביין.

אָ, אויפגעגאַנגען פלאַם־פייערדיקע פאָן —
אותיות צעוויקלטע אין הימל אַריין —

— — — — — — — — — — — — — — — —

עפר, אדער אפר — אָבער דאָס ספר !
„עגלי־טל", דער „שיח־השדה", עמעץ ווער,
געפינען דאָרט אין אַש דעם „קוהלת שלמה",
און אַז ס׳זאָל בלייבן געשיקט עס מיר דאָ אַהער . . .

דוד זיטמאַן אפרים קליינמאַן, עס הענגט
א פּאַן איבער אייער ליד — אין מיין אויג א טרער.

2. צום סאַנאָוויץ־געדענק־טאָוול אויפן הר־ציון

א פאַרשאָטענער־גראַטעוועט פון שאַכט —
קליינמאַן אין א ישראל קיבוץ, כ׳הער ער לעבט ;
מיט דער בשורה ווער פון הימל געפאַלן,
„גערוּנגל״־געזאַנג כאָרכלדיק מיט אויפגעשוועבט.

נישט גאַרטלדיק זיידן, נישט גאָלדענע־קייט,
צינד־שנור־געפלעכט דראָטן־געדרייט צונויפגעוועבט —

שיקמאַן, די בוימס — — און די שרה איז זי דאָ ?
כ׳זע נאָך ווי אין טרוים, ווי שיין זי איז געווען.
מיינע גאָט־און גוף־ראַנגלענישן דעמלט,
צו ליכטיק געווען, ליכטיקע שיין זאָלן זען.

הייליקע ספרים א פּאָר, ביכעלע ליד,
א שמות־שייטער אלצדינג נאָכדעם וואָס געווען.

סאָסנאָוועצ, בענדין, פּיאָסקעס־מילוויץ־טשעלאַדזש,
ד׳ על ד׳ אפשר, פיר קוואַדראַט קוים מייל,
פאַר גרויליק־קויליק ערד־שטיק גראַניט גריפל ?
אין אייגענעם גוף מיט גראַטשעס געקריץ דערציילט.

זכרונות ? „זכור את אשר עשה לך !
כי מעולם ועד עולם אתה אל״.

פלאַם פון אָנגעצונדענעם אונזער ליד,
פלאַטערט אַצינד דאָרט די רויט־צעוויקלטע פאָן,
און אויף די חלוצים־קבוצים אקערס,
בלוי אויפגעגאַנגען קאָרן־בלום און פורפור מאָן —

א נר־תמיד אין מערת־השואה,
און אויף דער שוואַרצער גראַניט־זייל — כ׳צינד אָן.

## א ליכטל פאַר ווייטשעפּל . . .

אַז דאָס שטעטל אונזערס איז נישט מער פאַראַנען,
אויך דו ווייטשעפּל צאַנקענדיק אויסגעגאַנגען,
אַז וואָס זיינען דען די געסלעך דאָ געווען,
אָן עכא — אָבער נאָכדעם וואָס ס׳איז געשען.

נאָך האַלט ער נאָך אָן, קוים, קוים נאָך צו הערן,
שוין הערט ער אויף, ווי טויט־שטיל ס׳וועט דאָ באַלד ווערן ;



קיין קדיש, קיין יאָרצייט, קיין עכא צומאַל —
דאָס פאַרגעסן וועלן, אַז געווזען אַמאָל !

ווי ס׳עכאָט אין מיר — — — נאָך א ליד אָנשרייבן,
של־מעלה א שטעטל אונזערס דיך דערהויבן,
פלייש פון אונזער פלייש דאָך, בלוט פון אונזער בלוט —
יזכור ביי לעבעדיק לייב, ווי ווייַ דאָס טוט.

## דער לוח - הקדוש

(צו די 5000 לוחות אין מאָסקווע)

מיר ווייסן רש״י הקדוש, דער אר״י הקדוש,
דער בעל־שם הקדוש, אָבער א לוח וויאַזוי ?
מיר ווייסן קדושים, אפילו שרייבער קדושים,
מ׳ווערט געפייניקט, מ׳הויכט די נשמה אַרויס מיט אַן אוי.

די קשיא האָט מיך געפייניקט, קיין תירוץ געפונען :
אַן איינפאַל פון יידן נעמען א לוח א טויטע זאַך,
פאַריאָריקן קאַלענדער, וואָס הענגט פאַרשטויבט אויף דער וואַנט,
און אָנרופן קדוש — להבדיל דער הייליקער תנ״ך.

די תורה הקדושה, דאָס געהייליקטע תהלימל,
אָבער פשוט א לוח, וואָס מען טראָגט אין דער הויזן־טאַש ?
אַז ער פאַלט אַראָפּ מען ברויך אים קיין קוש נישט צו געבן !
אפשר געמיינט יענעם גאָר מיט א וויצל מיט א דרש —

וואָס נאָך מענדעלע מוכר־ספרים אַרויסגעגעבן ?
געדרייט א הער, געדרייט אַהין נישט געפינען דעם מיין :
היתכן ? ס׳מוז דאָך זיין א טעם, א סוד דערין שטעקן ?
ביז גאָט האָט טאַקע געהאָלפן און אַצינד, ווען איך ליין :

„א לוח איז געדרוקט געוואָרן אין מאָסקווע, הבירה,
נאָך 46 יאָריקן רעזשים פונם סאָוויעט לאַנד״.
די פרייד דאָרט — נישט נאָר ביי פרומע יידן, מיט א ציטער,
קושנדיק אים, דעם לוח, ווען זיי נעמען אין דער האַנט,

נאָר אַפילו קאָמוניסטן און צומאָל גויאישע. —
א פלעק איז אָפּגעמעקט געוואָרן, א גאָר מאוסע שאַנד :
א ייד וויל וויסן זיין „פּראַזשניק״, מזכיר נשמות זיין —
פאַרוואָס לוח הקדוש, געקומען כ׳בין איצט צום פאַרשטאַנד.

מילא 5000 — — ס׳איז דאָך נישט „סאָוויעטיש־היימלאַנד״,
וואָס מען מוז א העלפט אַרויסשיקן אין דער גאָרער וועלט,
מ׳וועט דאָך אים צעכאַפּן ווי מצה־וואַסער — — האָט מען כאַטש,
די יאָרצייט פון די שרייבער קדושים אַריינגעשטעלט ?

## א ימים-נוראים אין ווייטשעפל של מעלה

(אויך א מין לוח־באלאדע)

פארוואס, ווען ראש־השנה דאָנערשטיק, פרייטיק,
פאַלט תמיד דעמלט יום־כפור אין שבת אויס ?
אויב אין חשבון פון לוח־הקדוש ביזט מסופק,
טא הער מיט קאפ אויס, ס׳הימלישע מעשהלע בלויז.

ששון ושמחה אין דער פמליא של מעלה,
ס׳איז שבת־תשובה נאכן ווילנער גאונס דריש,
און די הייליקע חבריה זיצט שוין פערזאַמלט,
ארום בעל־שם הקדוש׳ס שלוש־סעודות־טיש.

מען קאן זיך פארשטעלן נאך אזא מין דרשה,
אז געהויבן ממש ס׳האבן די מוחות זיך,
און פון „כאל מסתתר״ דבקותדיק, זיך צעזיגגען,
צומאל זיינע יסורים פארגעסן — משיח.

ראפּטים ס׳קלאפּט, ווילד־צעלאַכט, דער שטן אין דער טיר :
„גן־איידעמס, ר׳וועט הבדלה מאכן אמאל ?
א געווינען משפט צום בית־דין של־מעלה,
אזש א ציטער טון דאס צינגל פון דער וואָגן־שטאל״.

האָט מען זיך ערשט צעזונגען אזוי אויפן קול !
דא אויבן וואס פרעגן זיי נאכן ימח שמו . . .
האָט אבער די הבדלה אצינד אנגעטון,
מלאך־מחבל, דער הימלישער שבת גוי.

און שוין זיצט כביכול אויפן כסא־דין,
דער שטן שטייט פאר אים, און דער משפט גייט אָן,
דער בעל שם טוב אין זיי דבקיות חלשט אוועק,
דעם קאשקעט ביז צו דער נאז ריקט אראפּ דער גאון.

בלויז ר׳ לוי יצחק פארלירט זיך קיינמאל נישט :
„זאל ער זאגן וואס ער וויל דער ימח שמו !״
און דער שטן מיט חזרישע אייגעלעך,
די פערדישע פיס פאראויס : „אזוי און אזוי,

„גייט דאך אראפּ נאך ווייטשעפל שבת־תשובה,
גאנצע צוויי טעג געשטאַנען, געקלאַפּט זיך „על חטא״,
און היינט בפרהסיא — —״גיט זיך דער בערדיטשעווער
על רגל־אחת א שטעל אויף : „גענוג גערעדט !

„על פי שני עדים יקום דבר איז דער דין — —״
שפרינגט דער חצוף אינם שטן ווי א הונט אויף :



„אדרבה ! קומענדיקע וואך קומט אראפּ — —״
און דער בערדיטשעווער האָט נאר געוואַרט דעראויף.

און זיך אויסדרייענדיק צום בית־דין של־מעלה,
האט ער מיט גרויס אכפערקייט געבויגן דעם קאפּ :
„כבוד מלכותו, ווייל מען ברויך דאך א צווייטן עד,
גייט מיט מיר נפתלי ראפּשיצער מיט אראפּ״.

כביכול איז טאַקע געזעסן לדין,
אבער דער „כסא יה״ זיך געשאָקלט פון פרייד ;
געשטאַנען פאר גאטס אויגן שוין גאנץ ווייטשעפל,
די יום־קדוש־שלווה איבער איר אויסגעשפרייט.

מען זאל זען איך יידישן סטראַגאַן, איך „בערע״ —
שבת־שבתון די גאנצע רוישיקע גאס !
מילא דעם לוי יצחקן פארגינט ער עס,
אבער דעם ראפּשיצער, דעם גאליציאַנער שפּאַס ?

נעמען זיינס א מלאך, צומאל ווען דער שטן,
און אים פירן ווי אַ פויער אין באד אריין ?
עם כן — — — איין רגע נאך און חלילה־וחס
און קול ברמא נשמע, דעם בעל שמ׳ס געוויין —

— — — — — — — — — — — — — — —

האט מען דאס געפּראַוועט א מלווה מלכה,
מיט „יין־המשומר ביזן העלן טאג אריין,
און דער גאון בגלופין הויך אויפן קול :
„שאט רבותי, א חידוש־נפלאה פאלט מיר איין :

„די טיפקייט, די פשטות פונם לוח־הקדוש,
אז ראש־השנה פאלט דאנערשטיק, פרייטיק אויס,
איז דאך ממילא דער הייליקער יום־כפור,
דער יום העשירי — שבת ! ווי גרויס, ווי גרויס״.

„וואס מיינט דער ווילנער, יום־קדוש, צי זיין איינפאל״ ?
קאן זיך דער ראפּשיצער שוין נישט איינהאַלטן מער . . .
„נפתלי, הער אויף מיט דיינע הלצהלעך !״
גיט זיך ר׳ חיים וולאזשינער צו אים א קער :

„און אז דעם שטן, וועם גייט איר אפנארן ?
ר׳ איז דאך גערעכט חלול שבת, חלול השם״ — — —
א, ס׳וואָלט זיך אויפן הימל א פייער צעברעכט,
ווען נישט ברייט אין זיין באָרד דער ליכטיקער צעקעם —

די אויגן צעבליצט, די צוויי פינגער אין דער באָרד,
שמייכלענדיק זיי אנגעקוקט און „קראת שמע״ געזאָגט —
ס׳איז געווען דער „מאור ושמש״ס זוניקער בליק,
און אין ווייטשעפל של־מעלה האט אויפגעטאָגט.

## „לא אלמן ישראל״

יעקב לעשטשינסקען, דעם זקן־הסופרים אין ישראל)

„לא אלמן ישראל״ — מאמע יידיש לעבט,
עס וועט נישט העלפן דער היתר מאה רע־בנים!
זי וועט אונז אלעמען איבערלעבן,
זי איז אומשטערבלעך — עד מאה ועשרים שנים.

אין א קעלער, אין א בוידעם־שטיבל —
איר ווילט וו פארשטופן די אלט־מאדישע מאמע;
א יחסנטע ווילט זיך, א בת ציון,
א יונגיקע גלוסט זיך אייך, פון האָלוויוד סאמע,

מיט געפארבט בעקל, מיט געשמינקט ליפל,
מיט אונטערחנפנדיק, אונטערגעשמירטע אויגן?
מאמע יידיש האט א פאר אויגאנעס —
אייך קוק אין הארץ אריין, גייט אויף א רעגנבויגן!

פון אייערע „באנעס״־„ארישע״ כלות,
עס וועט זיך פון זיי אלע אויסלאזן א בוידעם;
„כל נדרי־אפיל״ — געלד איז טאקע פיל —
ערשט א „באן־דרייוו״־נדן, אבער „ליובע״ איז קודם.

נישט איר וועט ברעכן דאס חופה־גלעזל,
אפילו די תנאים־טעלער נישט אייך געלינגען —
אויף אייערע קעפ וועט זי זיי ברעכן,
די מאמע, דערביי א „מי־שברך״ צוזינגען.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### דער באטייט פון די פיר מינים

תורת משה האט באפוילן „ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר כפת תמרים וענף עץ עבת וערבי נחל ושמחתם לפני ד׳ אלהיכם שבעת ימים״: איר זאלט נעמען דעם ערשטן טאג סוכות א פרוכט פון א הדר בוים, בלעטער פון טייטלביימער, א צווייג פון אן עבת בוים, ווערבעס פון נחל און זיך פרייען פאר גאט אייער אלמעכטיקן זיבן טעג. (ויקרא כ״ג) איז מחמת דעם, וואס תורת משה האט ניט אנגעגעבן קיין מאטיוו אויף דעם באפעל, האבן אים די חכמים געטראכט צו מאטיווירן מיט סברות. רבי אליעזר באהויפטעט — אזוי ווי סוכות



איז דער אנהויב פון רעגן סעזאן האט תורת משה באפוילן צו נעמען די פיר מינים, וואס האבן נויטיק וואסער צו וואקסן, כדי זיי זאלן זיין א סימבאל בעתן אויסבעטן א שפע׳דיקן רעגן פארן קומענדיקן יאר. (ירושלמי תענית פ״א ה״א) אבער די סברא פון רבי אליעזר איז לייכט אפצופרעגן, ווייל אחוץ דעם וואס אנדערע געוויקסן האבן נויטיק מער וואסער ווי די פיר מינים, ענדיקט זיך דער באפעל פון תורת משה מיט „ושמחתם לפני ד׳ אלהיכם״: איר זאלט זיך פרייען מיט די פיר מינים פאר גאט אייער אלמעכטיקער זיבן טעג, און געוויינלעך פרייט מען זיך אויף א פארגאנגענע גליקלעכע געשעעניש, ניט אז מען דארף בעטן אויף א קומענדיקע? אנדערע מפרשים פון תנ״ך האלטן, אז תורת משה האט באפוילן צו פרייען זיך מיט די פיר מינים כדי צו דאנקן דעם אלמעכטיקן פאר דער גרויסער שפע פון פרוכטן וואס איז געווארן פארזאמעלט אין די שפייכלער. אבער אויך די מיינונג איז שווער אנצונעמען, ווייל מען האט זיך געדארפט פרייען מיט עסבארע פרוכטן, אזוי ווי אין שבועות מיט ביכורים, ניט מיט א ביטערן אתרוג און מיט דריי צווייגן פון ביימער, מיט א לולב, הדס און ערבות. מען מוז הערינבער זיך מער פארטיפן אין דעם ענין, כדי צו געפינען א לאגישערן מאטיוו פאר דעם באפעל פון תורת משה צו פרייען זיך מיט די פיר מינים געוויקסן אין סוכות.

אז „פרי עץ הדר״ איז אן „אתרוג״, „כפת תמרים״ איז א „לולב״, „ענף עץ עבת״ איז א „הדס״ און „ערבי נחל״ איז „ערבות״ האבן די חכמים געהאט א מסורה: אן איבערגעליווערטע הלכה למשה מסיני. (ויקרא רבה פ״ל־י״ד) אבער אין די תלמודים געפינט מען, אחוץ דעם, אויסטייטשונגען צו באווייזן אז פרי עץ הדר קאן ניט זיין קיין אנדערע פרוכט סאידן אן אתרוג. רבי שמעון בן יוחי דרינגט ארויס פון די ווערטער „פרי עץ הדר״ — שפריו ועצו הדר״: די פרוכט און דער בוים מוזן זיין שיין, וואס קאן נאר געזאגט ווערן אויף אן אתרוג . . . רבי לוי איבערזעצט דעם טערמין „הדר״ אויף „דר״: ווינען — „פרי עץ הדר באילנו משנה לחבירתה״: א פרוכט וואס בלייבט אויפן בוים פון איין יאר אויפן צווייטן — אלטע אתרוגים זענען נאך אויף די ביימער ווען נייע קומען ארויס. און רבי תנחומא ווייזט אן אז תרגום עקילס האט איבערזעצט דעם טערמין „הדר״ אויף „הידור״ אדער „אדרא״, וואס איז אין דער גריכישער שפראך וואסער, ווייל אתרוגים דארפן האבן א סך וואסער צו וואקסן. (ירושלמי סוכה איז מחמת דעם וואס די דריי אויסטייטשונגען, דער העברעישער „הדר״: הערלעך־שיין, דער סיריעשער „דר״: שטענדיקע פרוכטיקייט און דער גריכישער „הידור״: וואסער פלוס, זענען מסתמא גענומען געווארן פון דער מצרישער היעראגליפן שפראך וועט דאס העלפן ליזן די דילעמע פון די פיר מינים.

רבי נחמיה האלט אז תורת משה האט אפט געברויכט מצרישע ווערטער כדי קלאר צו מאכן אן ענין, און ער דערקלערט דאס מיטן ווייטער ציטירטן משל. — א באנדע רויבער האבן געפאנגען א קינד פון א מלך. זייענדיק אין געפאנגענשאפט ביז ער איז אויפגעוואקסן האט ער פארגעסן זיין מאמע לשון. דערפאר, ווען ער איז באפרייט געווארן האט זיין פאטער געמוזט ריידן צו אים די רויבער שפראך. דאס זעלבע איז געשען מיט די בני ישראל, תורת משה

האט געמוזט באנוצן מצרישע אויסדרוקן כדי זיי זאלן וויסן וואס זי ריידט צו זיי, ווייל זיי זענען געווען זעקס דורות אין דעם מצרישן בית עבדים האבן זיי פארגעסן זייער מאמע לשון. ווי מען זעט דאס — זאגט רבי נחמיה — אין אנהויב פון די עשרת הדיברות, „אנכי" איז א מצרישער טערמין פון דעם היעראגליפישן „אנך", וואס דריקט אויס די אידיי פון אייביקע עקזיסטענץ אין אייביקער לעבן, און תורת משה האט אנגעהויבן די עשרת הדיברות מיטן מצרישן „אנכי" אנשטאט מיטן העברעישן „אני", ווייל דערמיט האבן די בני ישראל באקומען א קלארערן באגריף וועגן מהות פון זייער אלמעכטיקן. — „אנכי ד' אלהיך": אייביקע עקזיסטענץ און אייביקער לעבן איז גאט דיין אלמעכטיקער. (ילקוט שמעוני סימן רפ"ו).

אזוי איז אויך דער טערמין „הדר", (פאקטיש איז וואסער אין מצריש „אטאר", — (ה. ברוגש „היעראגליפישע ווערטערביכער בוך 1, ז. 146) מחמת דער נילוס האט זיך אויסגעגאסן און באוואסערט די פעלדער פון דעלטא טאל יעדעס יאר אין חדש תמוז, ווען דער פלאנעט וועגוס איז דער מארגן שטערן, האבן די פארצייטישע מצריים געגלויבט אז וועגוס איז דער קוואל פון זייער שפע און איר פארהייליקט אלץ זייער הימלישע מוטער געטין אונטער דעם נאמען „האטאר": די הערלעך שיינע, די שטענדיק פרוכטיקע און די געבערין פון וואסער. און אזוי ווי יעדע געטין האט געהאט איר „אשרה": א בוים פאר־פון וואסער. און אזוי ווי יעדע געטין האט געהאט איר „אשרה": א בוים פארהייליקט צו איר, האבן די בני ישראל געגוי געוווסט אז די „פרי עץ הדר" איז א פרוכט פון בוים פארהייליקט צו האטאר. דער אויספיר ווערט טאקי באשטעטיקט פון דער מסורה און באווייזט גלייכצייטיק דעם אמת פון דער מסורה, אז „פרי עץ הדר" איז אן „אתרוג". דער נאמען אתרוג פאר די פרוכט קומט פון דער פערסישער שפראך, מחמת די פערסיער האבן אין דער צייט פון אחשורוש איבערגענומען דעם האטאר קולט און איר אנגערופן „אטאר" האט די פרוכט פון איר אשרה געהייסן אין פערסיש „אתרוג" — „אטראנזש": די פרוכט פון אטאר, וואס איז דער שורש פון נאמען „אראנזש" פאר די ציטרוס פרוכטן און פון ווו די חכמים האבן גענומען דעם נאמען „אתרוגא" אדער „אתרוג". (קידושין ע', י. לעווים ווערטערביכער פון די תלמודים און מדרשים.

נאך מער באווייז פאר דעם אויספיר איז דאס, וואס די פארצייכנטע נעמען אין תורת משה פאר די אנדערע דריי מינים געוויקסן זענען אויך מצרישע. דאס לאנד מצרים האט געהייסן אין דער מצרישער שפראך „טאמערא": לאנד פון טייטלביימער, און דער היעראגליפישער בילדער צייכן פון ווארט „מלך מצרים" איז געווען א טייטלבוים, זיי האבן דאס גערופן „סוטען טאמערא": קעניג פון מצרים. (ברוגש „עגיפטאלאגיע" ז. 200) די בני ישראל האבן דעריבער געגוי געוווסט אז „כפת תמרים" איז א בינטל טייטל בלעטער און דעם נאמען לולב פאר די כפת תמרים האבן די חכמים מיט געבראכט פון בבל, אין כאלדעיש האט מען טיטטלבלעטער אנגערופן „לולבא". (י. לעווים ווערטערביכער פון די תלמודים און מדרשים).

אויך „עבת" פון „וענף עץ עבת" איז א מצרישער נאמען, מחמת די בלעטלעך פון דעם בוים זענען אייביק גרין און האבן א פיינעם אראמאט זענען זיי



באנוצט געווארן אין די מצרישע טעמפלען פאר פארצירונג און א צומישונג צום קטורת: ווייהרעך. (ברוגש „היעראגליפישעס ווערטערבוך ב.1, ז. 146) אין דער סיריעשער שפראך ווערט דער בוים אנגערופן „אסא מצראה" (סוכה ל"ג) ווייל ער איז פארהייליקט געווארן צום מצרישן אסיריס, דער הויפט גאט פון „אבטו": יענע וועלט אדער גן עדן, און אפשר דערפאר וואס אין דער גריכישער מיטאלאגיע ווערט דער גן עדן אנגערופן „האדעס" האט מען אין גלות בבל אנגעהויבן אנצורופן דעם „ענף עץ עבת" מיטן נאמען „הדס". און „ערבי נחל" זענען ווערטער פון דער מצרישער שפראך, דער היעראגליפישער בילדער צייכן פארן מצרישן ווארט „אראו" זענען וואקסענדע ביימלעך ביים נילוס ברעג, מערקווירדיק איז וואס די ביימלעך זענען פארהייליגט געווארן צו זייער נילוס גאט „סעקעט־האפי", (בודזשע „די געטער פון עגיפטן" בוך 2, ז. 120) וואס דער נביא עמוס דערמאנט אים שטראפנדיק דעם מלכות ישראל — „ונשאתם את סכות מלככם ואת כיון צלמיכם כוכב אלהיכם": איר וועט זיך ארומטראגן מיט סיכות אייער קעניג און כיון אייער געצנבילד, אייער שטערנגאט. (עמוס ה') דעם טערמין „נחל" ווערט ערשט באנוצט אין תורת משה נאכן ארויסגיין פון מצרים, אלץ א סינאנים פון „נהר": טייך, אין דער מצרישער שפראך איז „נגל־נקהל" אדער „נחל" געווען דער נאמען פון שטראמענדיקן נילוס, וואס האט פערטיליזירט די ערד, פרוכטיק געמאכט די פעלדער מיט א שפע פון תבואות און פרוכטן. (ברוגש „היעראגליפישע ווערטערביכער" ב. 4, ז. 1556.)

מען אין דערפאר בארעכטיקט אנצונעמען אז אנשטאט מיט טראפעען פון שונאס כלי זין האט תורת משה באפוילן צו פייערן דעם נצחון איבער מצרים מיט די סימבאלן פון דער מצרישער אידעען וועלט. אזוי ווי דער שעבוד מצרים, די שקלאפן ארבעט איז געווארן אפגעשטעלט אין חדש תשרי, זיבן חדשים פאר די אויסלייזונג פון מצרים, (סוכה י"א) וואס דער יום טוב סוכות איז א דערמאנונג דערפון, האט תורת משה באפוילן מען זאל נעמען די פיר מינים געוויקסן, וואס האבן פארגעשטעלט די מצרישע היעראכיע, דעם אתרוג — וואס האט סימבאליזירט די מצרישע גאטהייט, דעם לולב — וואס האט סימבאליזירט דעם מצרישן מלכות, דעם הדס — וואס האט סימבאליזירט דעם מצרישן עולם הבא, די ערבות — וואס האבן סימבאליזירט דעם מצרישן עולם הזה, און ווי מיט טראפעען פון באזיגטן שונא זיך פרייען מיט זיי פאר גאט אונזער אלמעכטיקער. א באווייז פאר דעם אויספיר געפינט זיך אין מדרש רבה, דער מדרש זאגט — „נעימות בימינך נצח, (תהלים ט"ז) זה הלולב": דער לולב איז א טראפעע פון נצחון. (ויקרא רבה פ"ל.)

„די אידישע שטימע"
די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראך אין דעם לאנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

משה בעקערמאן

# א זעלטענער איינפאל פון א ליטעראטור-הענדלער

ווען מיין ערשט בוך איז דערשינען האט עס באקומען א סימפאטישע אפהאנדלונג אין דער פרעסע. בלויז עטלעכע קריטיקער האבן פרובירט מיט אלע זשורנאליסטישע דריידלעך אפצורעדן דעם לייענער. קיין טענות האב איך אייגנטלעך נישט צו זיי, נאר די האזיקע „מבינים" איז נאך לעת-עתה נישט געלונגען ארויסצוגעבן אפילו בלויז א בראשור איבער דער יידישער ליטעראטור . . .

איר זאלט אבער נישט מיינען, אז א „גוטע פרעסע" איז טאקע א סגולה צו קונים פון א יידיש בוך. יידן ווילן אזעלכעס נישט קויפן, און במילא לייענען זיי שוין נישט קיין קריטיק איבער ביכער. איי, וועט איר דאך פרעגן, למאי שרייבט מען? איז דער תירוץ, אז, ערשטנס, געפינען זיך, גאט צו דאנקען, היינט אזויפיל יידישע מחברים, וואס ווען איר שיקט צו יעדן איינעם אייער ניי בוך, נעמט נישט לאנג און זיי שיקן אייך צו זייערע אייגענע חבורים ביז איר זאמלט צונויף א גאנצע ביבליאטעק פון די לעצטע אויסגאבעס אין דער יידישער ליטעראטור. און צווייטנס, טאמער איז אייער בוך נישט אזוי איי-איי-איי און מען שיקט אייך בלויז צו אייניקע ביכער, וואס זענען אויך נישט אזוי איי-איי-איי, איז מילא: הלמאי קריכן מענטשן אויף גליטשיקע בערג אדער לויפן אויף געהרגעט צו ווערן אויף אויטאמאביל-געיעגן? מאלע וואס מענטשן טוען? יעדער איינער האט זיך זיין משוגעת . . .

זיץ איך מיר אמאל אזוי און טראכט וויאזוי צו ווערן נישט בלויז א שרייבער פון ביכער, נאר א פארקויפער אויך. פלוצים צעקלינגט זיך ביי מיר דער טעלעפאן. פאלט מיר איין, אז דאס מוז אוודאי זיין דער איינבינדער, וועלכער האלט פאר א משכון א העלפט פון מיינע ביכער. טא וואס האב איך עס מורא פאר אים? איך קען אים דאך זאגן, אז . . . איך בין נישטא אין דער היים. נאר ווי דערשטוינט בין איך עס געווארן צו דערהערן א פריילעכע שטימע א פרעג טון,

— זענט איר דאס דער מחבר פונם בוך „דער מענטש וואס לאכט"?

— יא, יא, — זאג איך אביסל צעטומלט, נישט זייענדיק זיכער וואס דער ייד וויל: צי ער איז עס אויסן מיך צו באגריסן, צי גאר מיך מאכן מיט דער בלאטע צוגלייך.

— אויב אזוי, — זאגט ווייטער דער ייד — אפשר קענט איר אזוי גוט זיין און מיר ברענגען אין געשעפט אריין אייער בוך, און פון דארט וועלן מיר פארן אהיים צו מיר אויף וויעטשערע. ביי דער געלעגנהייט וועל איך שוין ווייזן מיין ביבליאטעק, מיט וועלכער איך שטאלציר.

דער ייד, א דראבנע, מיטל-יאריק מענטשל, מיט לייכטע באוועגונגען, א הייכן שטערן און אויגן, וואס דרינגען אייך אין אייער נשמה אריין, וואוינט אין א פרעכטיק הויז, אבער קיין סימן פון א בוך האב איך דארט נישט געפונען! זיין פרוי איז פונקט דער היפוך פון אים: באוועגט זיך לאנגזאם און מאכט בא-



קאנטשאפט נאך לאנגזאמער.

ביים עסן גיב איך דעם ייד א פרעג,

— וואו איז אייער ביבליאטעק?

נעמען זיך ביי אים שטעלן אלערליי קאלירן אויפן פנים, און ער זאגט מיר בלויז איין ווארט,

— שפעטער.

פארשטיי איך דאך שוין, אז אזעלכע שמועסן זענען דא ביי דעם הויזגעזינט נישט פאפולער . . . ווענד איך מיך צו דער דיקלעכער פרוי מיט א קאמפלימענט און זאג איר, אז זינט איך בין אוועק פון מיינע עלטערן האב איך נאך אזא געשמאקע, באטעמטע זופ מיט מאנדלען נישט פארזוכט . . .

ווי נאר זיין פרוי איז אריין אין קיך נאכן עסן, גיט מיר דער ייד א צי ביים ארבל,

— קומט, — זאגט ער — וועל איך ווייזן מיין ביבליאטעק!

אז מיר זענען שוין ביידע געווען אויף יענער זייט טיר, האב איך א פרעג געטון דעם ייד,

— איר האט פארגעסן מיר ווייזן אייער ביבליאטעק?

— חלילה, — האט ער מיר געענטפערט, מיט א ברייטן שמייכל. — אט גייען מיר טאקע אהינצו. — און ער פירט מיך גלייך אין זיין . . . גאראזש אריין.

אריבערגעטרעטן די שוועל פונם גאראזש, גיט ער א פאררוק א סאמעטענעם פארהאנג אויף איין וואנט, א סאמעטענעם פארהאנג אויף א צווייטער וואנט און עס אנטפלעקן זיך פאר מיינע אויגן פאליצעס און פאליצעס פול מיט ביכער: יידישע, ענגלישע, רוסישע און העברעאישע. דער ייד האט געלויכטן ווי די שכינה וואלט אויף די פאליצעס גערוט! ער האט צעשפרייט די הענט ווי א פויגל, וועלכער איז נארוואס פון א שטייג ארויסגעפלויגן, און אונטערשפרינגענדיק פון באגייסטערונג אויסגעשריגן,

— אט האט איר מיין ביבליאטעק!!

א ווילע בין איך געבליבן שטיין אן לשון. באמערקנדיק מיין פארלעגנהייט זיך דער ייד געווענדן צו מיר,

— איך זע, אז איר זענט אביסל מבולבל, — האט ער געזאגט, — וויל איך אייך אלץ דערציילן פון אנהייב אן, אויב איר האט צייט און געדולד עס אויסצוהערן.

און אט איז וואס ער האט מיר דערציילט:

„פון מיין פריער יוגנט אן בין איך געווען נישט בלויז א לייענער, נאר אויך א זאמלער פון ביכער. א שטוב אן א בוך האט ביי מיר אויסגעזען האלב ליידיק.

„צו מיין חתונה האב איך שוין פארמאגט א גאנץ שיין ביבליאטעקל אין עטלעכע שפראכן. מיין ווייב, זאל לעבן, האט באזעסן אלע נויטיקע מדות, וואס א פרוי דארף האבן אחוץ די מדה צו זאמלען ביכער. קיין גרויסער חסרון צו שלום-בית וואלט דאס מסתמא נישט געווען, ווען זי פארנעמט זיך בלויז מיט אירע ענינים און לאזט מיך זיך פארנעמען מיט מיינע . . . איז עס אבער נישט

געוועזן אזוי, נאר זי האט כסדר געצילט קעגן מיינע ביכער מיט א רעכענונג, סיסטעמאטיש. איין סיסטעם האט זי געהאט וויאזוי פטור צו ווערן פון בו״א־שירטע ביכער און א צווייט סיסטעם פון געבונדענע . . .

„איך קום אמאל אהיים און טרעף מיינע צוויי קינדערלעך זיצן אויפן טעפּיך און פליקן לעבעדיקע שטיקער פון דאסטאיעווסקיס בראשירטן „אידיאט״. א צווייט מאל האבן זיי זיך גענומען צו טשעכאווס „אנקל וואניא״ און געווארפן איינס דעם אנדערן גאנצע זשמעניעס אויסגעריסענע בלעטער, קייקלענדיק זיך דערביי פאר געלעכטער. פרעג איך מיין פרוי,

„וויאזוי האבן דאס די פיצלעך קינדער געקענט דערגרייכן צו די פאלי־צעס ? בארואיקט זי מיך, אז זי האט טאקע נישט געלאזט קריכן אויף די בענקלעך, טאמער פאלן זיי, חלילה, אראפ. נאר זי האט אליין זיי עס אראפּדערלאנגט דאס בראשירטע בוך, כדי זיי זאלן זיך שפילן און זיין שטיל.

„דאס איז געווען מיט יארן צוריק. די דעמאלטדיקע צוויי יאטלעך זענען שוין היינט דערוואקסענע בחורים, וואס פארשטייען אליין דעם אמתן ווערט פון א בוך, נאר מיין פרוי איז אלץ געבליבן ביי אירס . . .

„פארגעס איך אמאל אוועקצונעמען א בוך פון טיש, מעג איך שוין זאגן „רבנן־קדיש״ דערנאך !

„מיט געבונדענע ביכער באגייט זי זיך נישט אזוי ברוטאל. מאכט זיך אמאל, אז מען דארף אונטערשפּארן א פענסטער אין קיך, כדי די פארע זאל ארויס פון הויז, לייגט זי אונטער דעם „גבור אין קייטן״ מיטן רוקן ארויף . . . אונטער א הינקענדיק בענקל שטופּט זי ארונטער „פישקען דעם קרומען״. מאכט זי קעז פון זויערמילך, לייגט זי ארויף פון אויבן „טביהן דעם מילכיקן״ . . .

„אמאל טרעף איך מיין ווייב אין דער היים ארומלויפן מיט „מאטל פייסי דעם חזנס״ אין דער האנט און קלאפּן מיט „אים״ אויפן טיש, אויף די בענקלעך, אויף דער פאדלאגע און ווידער אויפן טיש און ווידער אויף די בענקלעך. כאפּ איך זי אן פאר דער האנט און פרעג,

„וואס קלאפּסטו עפּעס אינמיטן זומער הושענות מיט „מאטלען״ ?

„גיט זי א זאג מיט כעס,

„ווען איך וואלט געפּאקט די זשומענדיקע פליג אויף דיין אנגעשטאפּטן קאפּ מיט ביכער, וואלסטו שוין אזעלכע קלאץ־קשיות מיך נישט געפרעגט !

„א צווייט מאל טרעף איך ביי דער האלב אפענער טיר, וואס פירט אין גארטן אריין, מיין אכט הונדערט־זייטיקן באנד „אננא קארענינא״ און אויך אן איינגעבונדענעם יארגאנג „קונדס״ אויסגעווייקט פון רעגן אנגעשפּארט ווי צוויי שומרים, אז די טיר זאל זיך נישט צומאכן . . . מיין ווייב האט ליב פרישע לופט !

„איי, אנשטאט פרישער לופט האט דאך ארייננגעשמיצט א זומערדיקער רעגן, זאגט מיין ווייב, אז א מענטש קען נישט זיין אומעטום. איר כוונה, זאגט זי, איז געווען א גוטע . . . הכלל, פון די „שטיקלעך״, וואס זי האט מיר אנגעטון מיט מיינע ביכער, האב איך איר געגלויבט, אז איר כוונה איז טאקע יא געווען א גוטע . . . ווען זי האט כאטש א ברעקל רחמנות אויף „אננא קארענינא״, וואלט



זי דען זי געלאזט ווערן אזוי אויסגעווייקט ? ס׳פעלן דען צעבראכענע בענקלעך, קלעצלעך, פרעס־אייזנס אונטערצושפארן א טיר ?

„נו, וואס זאל אייך לאנג דא בריקען, איך האב איינגעזעען, אז אויב איך וועל נישט געפינען קיין זיכער ארט מחוץ לבית פאר מיין ביבליאטעק, וועט ווערן א סוף אדער צו מיין פאמיליען־לעבן אדער צו מיין ביבליאטעק. ס׳איז מיר געווען שווערן זיך צו שיידן מיט ביידע . . . בין איך געפאלן אויף דער המצאה צו מאכן מיין ביבליאטעק דא אין גאראזש. דא האב איך ענדלעך געפונען א מקום־מנוחה פאר מיר און מיינע ביכער. ס׳איז פשוט א פארגעניגן צו זעען ווי מיין הינטל לויפט גלייך צו צו די ביכער־פאליצעס ווי נאר איך עפן די טיר צום גאראזש. ער ווארט ביז איך נעם א בוך אין האנט, דרייט מיטן עק און טאנצט מיר אנטקעגן. און ווי נאר איך עפן א טיר פון אויטא, שפרינגט ער אריין, לייגט זיך אוועק געהארכזאם מיר צו פוס ווי איך בלעטער דאס בוך. אין זיין צופרידענעם ברומען פיל איך, אז ער שעפט נחת פון זיין בעל־הבית און טיילט זיך מיט מיין מנוחה״.

לאנג איז מיר אט דער דאזיקער ייד, מיט זיין ווייב און פיל צימערן נישט ארויס פון זכרון. וויפל נאך אזוינע יידן געפינען זיך היינט ביי אונז ?

## הערשל פאצאנאווסקי

### נאר מיין הארץ . . .

איך האב אנגעטון, א העמד,
געמאכט פון זייד,
בלויז דאס אנצוקוקען
איז א גרויסע פרייד,

א פאר לאקירטע שיך,
גלאנצן שיין,
אזא בינדע האט איר,
זיכער נישט געזען,

געקויפט זיך אן אנצונג,
איינגאנצן, געמאכט ביי האנד,
אזא, ארטיקעל קריגט איר נישט
אין קיין לאנד.

א הוט, א פיינעם,
קאליר שווארץ,
אלעס איז גוט,
נאר — מיין הארץ.

## עלע זילבערג

### מיידאלעך פארזעסענע (אין פאלקס־ליד־טאָן)

מיידאלעך פארזעסענע,
ווי ליכטאלעך פארשעמטע,
זיצט איר דא פארגעסענע,
מיט הערצאלעך פארקלעמטע.

לויפן טעג, ווי טייכאלעך,
די יארן גיך פארינען,
ווערט די האפנונג שוואכער אלץ,
דעם זיווג צו געפינען.

וואו איז אייער זיווג,
ווער זאל אייך דערפרייען ?
אנצינדן די קנייטאלעך,
פון חושך אייך באפרייען.

ווערט דער פנים ביטערער,
די אויגן אויסגעלאָשן,
מיין הארץ מיט לייד פאר אייך
פארבלוטיגט איבערגאָסן.

# א. נ. שטענצל

## מיין טאטנ:ס שטאט

(המשך פון קאפיטל)

שווער פארן יונגען מענטש די איבערגאנג יארן אריבער צו שפרינגען און אמשווערסטן מסתם דאס יאר צווישן 16—18 צו דערקלעטערן — ס׳איז דער שפיץ פונם בארג־ארויף! טויזגט געפארן, פיזיש־פסיכישע, גייסטיק־געזעלשאפטלעכע, לויערן דעמלט אויף דעם יינגען לעבן — איין גליטשיקער שריט און מ׳ליגט אין תהום. און אז מען דעקלעטערט שוין ארויף — מיט דער הילף פון וועג־ווייזערס, פון געניטע פירערס, פון אויסגעטרעטענע סטעשקעס, און דער עיקר מיט די קינדלעכע תמימות, מיט די יוגענדלעכע אוואנטוריסטישקייט, מיט די געמאַכטע העלדישקייט, — דער שווינדל דעמלט פאר די אויגן! די גאנצע וועלט דרייט זיך, דער קאפ ווערט פארדרייט: מ׳טאַפּט ארום זיך מיט פארמאכטע דערשראָקענעם בליק... וויפיל פאלן אראפ נישט מער אויפצושטיין, וויפיל בלייבן שטיין פארגליווערט אזוי אין דער שרעק־גאפנדיקער פאזע נישט ווייטער קיין שריט צו טון.

די היים, די משפחה, די געזעלשאַפט איז זיך גוט באוווסט אין דעם, איז זייער באזארגט. אין זייער שרעק אין זייער זארג, אין זייער באוווסטזיין פון די געפאַרן, אין זייער וועלן אויסנוצן זייער נישט מער צוגעפאַסט דערפארן, פארפלאנטערן זיי טיילמאל נאך מער דעם וועג. מיט די גוטע עצות, מיט די אנזאגן: „גיב אכטונג, דא לויערט א חיה רעה, א בייזע שלאנג, דארט — א טיף פינסטער גרוב״, באשווערן זיי נאך מער דאס יינגע הארץ. אבער דאך דאס ביסעלע מיטגעגעבענע צידה־לדרך, דאס אויסריכטן מיט כליזיין איז ביצלעך צום וועג, אין אומבאוווסטן — צום שווערן לעבנס קאמף.

אבער וויפיל פון די וואס דערגייען שוין דעם וועג, וואס פאלן נישט אראפ אינם תהום, קומען אן נישט געניזוקט, נישט געראַניעט. און אפילו די העלדן, די אויסגעצייכנטע טראָגן א וווּנד ווו באהאלטן, זיי ווייסן נאר העלדיש עס צו דערטראָגן.

דאס יאר 1914 — דאס יאר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער בלוטיקער איבערגאנג פון איין געזעלשאפטלעכע וועלט־ארדענונג אין א צווייטער, די שרעקלעכע און זיך לאנג־ציענדיקע געבורטס־ווייען, אין פוילן, דירעקט ביידער דייטשער גרענעץ, ווו דער קייזער־שניט איז געמאַכט געוואָרן — איז פאר מיר געווען טאָפּלט שווער. ערשטנס דאס געזאגטע, איך בין דעמלט געווען א בחור אין זיבעצנטן יאר. מיין פיזישע און גייסטיקע ענטוויקלונג — מיין צידה לדרך, מיין כלי־זיין צום לעבנס־קאמף — מער צוגעפאַסט צום 17׳טן יאר־הונדערט, ווי צום צוואנציקסטן. צווייטנס דאס איבערפלאַנצן פון איין היים אין א צווייטער, פון איין געזעלשאפטלעכער סביבה אין אן אנדערער. פון שטעלאדזש קיין טשענסטאכעוו, איז טאקע קוים א קאצן־שפרינג, אבער דער גייסטיקער, — אפילו גייסטלעכער מהלך איז — ממזרח למערב.

מיר זיינען טאקע שוין געווען אראפ פון דער גדולה; דעם זיידנס ירושה, דאס שמאלץ פון גרוב שוין אויסגערונען... אבער ווי זאגט די וועלט: „ביי א



שווערן וואגן איז לייכט צו גיין״ — טשעלאדזש איז נאך אלץ געווען די האַלטעק־היים, און „וואס ס׳געפינט זיך ביים נגיד אונטערן בעט בלויז, געפינט זיך נישט ביים ארעמאן אין גאנצן הויז״. אונזער פראָנט מויער אין מיטן מארק, די גארנדיקע אפיצינע און דעם פעטער יידע פייוולס קאמעניציע האבן נאך געהאט איין שיתפותדיקן הויף און א קייגנאיבער דעם פעטער חיימלס מויער — ראג צו ראג! איין גרויסע משפחה־פעסטונג ארומגערינגלט מיט דארפישער און קליין־שטעטלדיקער תמימותדיקער גוטסקייט און תמעוואטער סענטימענטאלקייט. און דא אויף איינמאל א שטוב־און־א קאך אויף דער קראַטקער גאס אינמיטן קאך פון פראלעטארישער ארעמקייט, אין דער פראקטישער, האלב משכילישער, האלב מתנגדישער, דרייפערטילדיק אסימילירטער שטאט טשענסטאכאוו — א פארהושכט קאפאלנע־דארף און דאָס עלעגאַנטע קליין־פאריז.

צימעלע נעמט אהיים פון מארקוספעלדס היטן־פאבריק היטן צו „גארנירן״; זי איז געזונט, זי איז פריש, יונג — מיט איין יאר בלויז עלטער פון מיר, — שוין גאנץ ענטוויקלט, הויך און שיין־געוואַקסן; אלע צימעלעך זיינען געראָטן אין דער באבע צימע, דעם זיידן האלטעקס מאמע. זי האט נאך די טשעלעדזשער באקן! פון דעם איינגעשפארטן קליינעם שטערן מיט דעם ברייט־צעוואקסענעם טראַציק געקרייזלטן קאפ האר, פעסט־פארפלאכטן אין פעך־שווארצע צעפ, וואס פאלן געלאָסן פון ביידע זייטן ביז צו די שלאנקע שענקלען, קוקן אט די טשעלעדזשער עפל־צייטיקע רויטע באקן מיט א פאר גרויסע אויגן תמימותדיק־שטאָלץ אין דער וועלט אריין. צימעלע ווייסט נישט קיין חכמות, מיט איר יידישלעכער פשטות, מיט איר פוירישער איינפאכקייט דערשפירט זי דעם נייעם הארטן באדן אונטער אירע פיס. 15 שעה א טאג זיצט זי ביים טיש און נעמט זיך די אויגן ארויס בים „גארנירן״. איר פלייצע בייגט זיך נישט — די פרייד זינגט פון איר ארויס! די ערלעכע, די תמותדיקע, די נישט גרויס־שטאָטיש־בארירטע, די אנאלפאבעטן. דער טשעלעדזשער הארטער קאפ פינסטערע ערד־שיכטן מיט אים אויפצוהייבן, זי פרייט זיך ווי א קינד, זי איז שטאָלץ ווי א קאפאלנע־שיקסל וואס פירט א „פאטשאנג״ וואגאנעטקעס; זי איז גליקלעך וואס זי קאן זיין א שטיץ און א האלבע פרנסה פאר דער משפחה — מיט יעדן פריש „גראנירטן״ הוט א פרישער לאך־אויסברוך, א פרייד אנשטעקנדיקער. פערטיק א טוץ שטעלט זי אים אויפן טיש, טאקע ווי א „פאטשאנגל״, די שווארצע הארטע היט זעען ממש אויס ווי פולע וואגאָנדלעך קוילן — מיט טשופּיקלעך נאך אריבער, ווען מ׳פירט זיי צו די גרויסע קולן־קופעס. מיר מוזן שטיין ביי דער „צערמאָניע״ ווען זי פאקט איין יעדן טוץ און לייגט אים אין דער גרויסער שאַכטל אריין: „ביז פרייטיק וועט זי פערשיק האבן א גראס״.

מיטן טאג אויסברוך איז זי שוין אנגעטון, געוואַשן אפגעזאגט איר קורצן ווייבערישן „מודה אני״, אפילו נאך מיטן קינדעשין אויסלאז: „און ברכה אויף מיין קעפעלע״. דער טשייניק זידט שוין אויפן אויוון דער 11׳לעווער לאמפ ברענט און פאריאגט די שאָטנס אין די ווינקלען. און איידער מיר גייען אין שטובל אריין שטייט שוין פארן טאטן און מיר צוויי גלעזער „באוואָרעק״ דער טאטע איז זיך גאר מחיה, ער האלט דאס גלאז הייסע וואסער מיט מילך אין ביידע קאלטע

הענט און דערקוויקט זיך מיטן געטראַנק און נאָך מער פון צימעלעס הנאה, וואָס זי שעפּט פון אונז שטעכעדיק שוין מיט דער נאָדל אין א האַרטן שוואַרצן הוט אַריין — איר פּשטות גיט אים כוח.

דער טאַטע קוקט אויף, זיין בליק איז אַן ערנסט־פאַרטראַכטער, ער זעט אויס ווי ער וואָלט מיר וועלן מוסר זאָגן, — מסתּם האָט אים שלמה שטענצל געזאָגט נעכטן אין שטיבל, אַז ער האָט מיך ווידער געזען אַרומשלענדערן מיט הענעכלעך פון גערער יינגע־לייט שטובל, פּועל ובטל, אין די גויאישע גאַסן, און אײדער אַזוי וואָלט שוין טאַקע גלייכער געווען, ער גיט מיך מיט מיט אים, צו בערגמאַנען אין דער צעלעלוי־פאַבריק — נאָר זעענדיק, ווי אסתּר ליגט קייגנאיבער אין בעט מיט אַן איינגעקשטן פּנים און פאַרקוועטשטע אויגן, דאָס ציטערן פון די וויעס, זאָגן ווינקנדיק, אַז דאָס שלאָפן איז א געמאַכטס; אָבער וואָס וועט זי זיך אויפהייבן, דער רוקן בייגט זיך איר אַזוי ווי אַזוי און די פּלייצעס שטאַכן איר . . . קיינער ווייס דאָס נישט נאָר צימעלע . . . זיי שלאָפן דאָך אין איין בעט! . . . צימעלע וועט זי נישט צולאָזן צו די היטן . . . צו די ביכלעך האָט זי צייט שפּעטער זיך אנידערצוזעצן . . .

דער טאַטע האָט נעכטן אין „שלאָף־שטוב", פאַר שלאָפן ליגן גערעדט מיט דער מאַמען אין דער שטיל, אַז זי זאָל מיט איר שמועסן, וועגן אהינגיין צו דער מומע גיטל אין געשעפט... „זי איז זייער טויגעוודיק", האָט דער פעטער משה געזאָגט . . . די מאַמע ווייסט דאָך אָבער אירס: דאָס מיט יאַנקלען איז נאָך אַלץ נישט פאַראיבער . . . א וווּנד גריזשעט זיך ביי איר אין האַרץ!

דער טאַטע מיט שטאַרקערע זיפן גענומען טרינקען דעם „באַוואַרעק", ער האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט ער מיר זאָגן מוסר וועט אסתּר מיינען: „מען שטראָפט די טאָכטער און מען מיינט די שניר" . . . און זיך צו מיר אָנגערופן, — עס האָט געזאָלט זיין הלצהדיק, אָבער לגמרי גאָר נישט אַזוי געקלונגען, ווי די שאָטנס פונם ווינקל ווו ס'בעט איז געשטאַנען האָבן זיך אים אַריינגעפלאָנטער אין באָרד און וואָנסעס: „נעם די תּפילין און מיר וועלן גיין . . . צימעלע פערוויינט אונז . . . נאָך אײדער געזאָגט ברכת־התורה, גענומען א יידיש וואָרט אין מויל אַריין און שוין זיך געכאַפּט צום טרונק".

אויב די היים דאָ, די קאָך־און שטוב, איז אַן ענגערע ווי די רחבותדיקע אין טשעלאַדזש, דאַקעגן איז די סביבה דאָ, דער קליינער אייסשניט, בלויז שוין אין וועלכן איך באַוועג מיך, — שטיבל־בית המדרש! — נישט צו פערגלייכן; דאָ אין טשענסטאָכאָוו איז גרויס־צוגיק, געזעלשאַפטלעכער פאַרנעם, מיט פונקטלעכקייט, מיט א סדר, „וכל חיה למינה" — יעדער ווייסט וואָהין ער געהער, נישט נאָר אין פּאַרטייען און אין קלובן, נאָר יעדער בחור ווייסט אין וועלכן שטיבל, אין בית מדרש, אין תּלמוד תּורה־ישיבה — יעדער היט אפילו זיין באַשטימטן פּלאַץ ווו ער זיצט.

די בחורים וואָס זיינען זיך נישט צעפאָרן, ווער אין א ליטווישער ישיבה, ווער אין דער גערער, ווער אין א שכנדיק שטעטל, וואָס דער רב לערנט מיט בחורים, ווי דער אַמסטעווער, דער ווידאַמער, דער דוואַרטער; די בחורים וואָס האַלטן זיך נישט פאַר קיין עילויים, פאַר קיין מתמידים, איז זייער טאָג



איינגעטיילט אין שעורים, מ'לערנט ביי ראָש ישיבה'ס, ביי מורה־הוראָס, ביי קעסט־איידעמס, אַליין פאַר זיך, דעם רעשט טאָג העלפט מען דעם טאַטן אין געשעפט, מ'לערנט זיך בוכהאַלטעריע אויף בריוו־קורסן, מ'גרייט זיך צו שטודירן, אָבער די שעהן, וואָס מ'לערנט, לערנט מען, געשמאַק, מיט א ניגון — מען פאַרברענגט נישט! מען פאַרמאַכט די גמרא און מען ווייסט וואָהין מען גייט, ציל־באַוווסט, סטאַטעטשנע, פאַמעלעך אָבער זיכער.

אַן איידעם אויף קעסט, אויב ער גרייט זיך נישט צו סמיכה, צו שחיטה איז צו ווערן א געניטער סוחר, א דערפאַרן פאַבריקאַנטל. און אויב ס'שטעלט זיך אַרויס, אַז ס'איז געווען א מקח־טעות, ס'יינגע־מאַנטשיקל איז נישט דאָס וואָס דער שדכן האָט אָנגעבלאָזט, שיקט מען אים אין פאַבריק אַריין, מ'שטעלט אים צוזאַם א מלומדות. שאַ־שטיל, די שטאָט איז גרויס, א כרך פון טויזנטער משפּחות, מוטשעט זיך נאָך א משפּחה. אַז דער פּראָווינצער אויסגעפּירטער שידוך טויג אָבער אינגאַנצן נישט, עס קלעפּט זיך נישט, איז שנעל אַראָפּ פון מאַרק און — פּטור אַן עסק! טשענסטאָכאָוו האָט ברוך השם די וואָרטע, א טייך מיט א נאָמען; מען ברויכט נאָר בלויז די 12 שורות אָנצושרייבן, און מ'שיקט דאָס איינגעקויפטע מציאהלע צוריק פון ווו ס'איז געקומען. א טשענסטאָכאָווער איז זאַכלעך, פּראַקטיש — וואָס ס'זאָל זיין שפּעטער איז בעסער פריער! א טשענסטאָכאָווער איז קיין האָר נישט סענטימענטאַל, ער קאָן זיין אַן אידעאַליסט, אָבער קיינמאָל נישט קיין צעקראָכענע באָבע. ס'טרעפט, וואָס ס'האָט זיך נישט אײנמאָל געטראָפן: אַן אָרעם־בחור, עסנדיק א טאָג, פאַרקוקט זיך אויף דער בעל־ביתישער טאָכטער און ס'ווערט געשלאָסן א שידוך. ס'טרעפט א בית־מדרש בחור טרעפט זיך בײנאַכט מיט א גימנאַזיסטקע פון אַן אַריסטאָקראַטיש נגידיש הויז און זיי שפּאַצירן אַזוי שמועסנדיק און דיסקוסירנדיק האַלב פּויליש, האַלב העברעאיש אין דער צווייטער אַלעי און מען שפּאַצירט ביז צווישן די ביימלעך־וועלדלעך פון די פּאַלאַצלעך מיט די רויטע דעכלעך — — מ'כאַפּט זיי נישט, ס'ווערט דערפון נישט קיין טראַגעדיע; מען צעברעכט טעלער און מ'איז א גליקלעך פּאָר — טשענסטאָכאָווער טאַטעס זיינען קליגער פון זייער קינדער: „אויב איר זייט טאַקע ביידע אַזוי פאַרליבט אין פּאַלעסטינע, האָבן מיר דאָ די חלוצים־גערטנעריי, דו קאָנסט אפילו ווערן אַן אַגראָנאָם. דער נדן ווערט איינגעלייגט און ווען דו קריגסט דעם דיפּלאָם . . ."

נישט נאָר יעדע גרויסער פּאַרטיי דאָ האָט איר קעמערל, איר קליקע, איר ביבליאָטעקל, נאָר אפילו יעדעס גרעסערע חסידים־שטובל איר ייִנגעלייט־שטיבל — מ'פאָרט טאַקע צו איין רבין, אָבער איינס מיטן אַנדערן האָט נישט צו טון. די סיכסוכים זיינען נישט אידעאָלאָגישע . . . זיי זיינען געשמאַק זאַך . . . מיר פּאַסן נישט איינער מיטן אַנדערן . . . איר זענט אַלט און מיר זיינען יונג! דער „דרך" איז טאַקע זעלבער, אָבער דער גאַנג, דער טעמפּאָ איז אַן אַנדערער . . . די געפּוצטע שטיוועלעך זיינען אַנדערע — חסידיש און נגידיש און געפּוצטע שטיוול! דער זיידענער דיקער גאַרטל אויפן אָלפּאַגענעם געפאַסטן כאַלאַטל אין דער וואָכן, אויף דער פיינער זיידענער און אַטלעסענער זשיבעצע שבת גאַנץ אַנדערש פאַרבונדן — מיט א שלייף, ווילעריש . . .

דאס ראדאמסקער ייִנגלייט־שטיבל האט זיך אפּגעטיילט פון דער „אלטער־ראנד״, פונם „קאזאצקער־שטיבל״. זיי האבן אבער געוווסט מיט זיך מיטצו־נעמען יענע פאר אלטע וואס באשיינען די יוגנד — אייניקע פון זיי נאך געווען פון די שארפע ייִנגעלייט ביים „תפארת שלמה״, טיש־זיצערס שוין ביים „חסד לאברהם״.

דער אלטער ר׳ דודל איצקאוויטש, פון דער קייטנפאבריק אין דער קרוט־קער גאס, „געבברידער הארצאוויטש און איצקאוויטש״ איז שוין ווייט איבער די שמונים, די פאבריק פירן שוין די קינדער און די אייניקלעך — ער האט טאקע אין דער היים אין זיין שטוב און אפילו ביים זון די גרויסע שענק מיט ספרים, אבער דאס פירערכץ אין הויז פארטרייבט אים. מילא די געגאלטעטע געמבעס, אבער ווו האבן זיי געגומען די גוישקע צורות, זיי האבן דאך אינ־גאנצן פארלוירן דעם צלם אלוקים — זייט ס׳איז געקומען דער דאקטער הערצל זיינען זיי שוין אינגאנצן משוגע: „פאלעסטינע, פאלעסטינע״, מען זאל הערן כאטש דאס ווארט ארץ ישראל... דעם גרשונען האבן זיי שוין צוויי מאל אויסגעסטראיעט מיט דעם אגראנאמישן היטל מיט די מעשענע קנעפּ, און אלע מאל קומט ער צוריק מיט צעריסענע „חליצה״־הויזן.

אבער דאך איז ער אים ליבער ווי דער צווייטער ימח־שמוניק, זיין אנעק. גרשן רעדט לשון קודש, זאל זיין א חלוץ אבע א ייד. דער צווייטער, מיט ווייכן קאפּעלוש, דער „יוריסט״, מיט ווייכן צינגל, עס הערט גארנישט אויף צו פלאפּלען — „דזשאדעק דשאדעק״. פארקלאפּט ער די טיר, פארגעסט אפילו אין שטעקן און לאזט זיך אין שטובל ארײַן — דער אלטער ר׳ דודל איז א יושב אין ייִנגעלייט שטובל, ס׳איז זיין מקום מנוחה.

ארײַנקומענדיק פארטאָג אין שטיבל ארײַן מיטן טאַטן האט עס שוין גע־קאכט. ראובן האט געלערנט געשמאק, אויפן קול, זיך דערוואַרעמט. נאך דער קאלטער מקווה... די צוויי שעה אין דער פרי צעשאקלט ביי דער אפענער גמרה איז זיין הכנה צום דאוונען. ער האט נאך צוויי יאר קעסט, וויל ער נאך ארײַנכאפּן וויפיל ער קען... דער שווער גרייט אים שוין צום מסחר, אבער דער קאפּ איז נאך פריי, אן עול... „אישה נאה, דירה נאה מרחיבין דעתו של אדם״ — א תוספסל טאנצט אים שפּילנדיק אויף די ליפּן... ראובן איז געזונט אין הויך און ברייט, (דער פּריזיוו האט נישט ווייניק אפּגעקאסט דעם שווער !...) ס׳בלאנדע בערדל זיינס ארום זיינע פולע באקן קרייזלט זיך נאר אזוי שפּראצענ־דיק פון גבורה. דער שווער ביים ערשטן מנין, וואס אײַלט צו עפענען די גרויסע שפּייזקראם אויפן אלטן מארק, הערנדיק זיין איידעמס קול־תורה צעשאקלט פריידיק ביים ברעטל אויסזינגענדיק דעם „ויברך דוד״ ווי ס׳וואלט געווען א ברית היינט אין שטיבל.

הערצקע זיצט מרה־שחורהדיק און ציפּט זיך ס׳שווארצע בערדל, לערנט מיטן מויל, אבער דער קאפּ קנייטשט זיך אים ערגעץ אנדערש־ווו — שוין דריי יאר נאך דער חתונה און נאך נישט קיין קינד, פאריאר געעפנט, א געשעפט מיט שפּילצייג אין דער צווייטער אלעי, און מיט דער פוטער אראפּ — ס׳שטייט שוין צוגעמאכט. נאך גוט וואס זיין מאמע, צו רייכע אלמנה פון וולוין איז געקו־



מען צופארן און אלץ ווידער גוט געמאַכט: איי מ׳מוז זיך צוזאמענעמען! און ער צעשאקלט זיך מיט א טרויעריקן ניגון... ער האט שוין געטראכט שיעור איבערצוגיין אין גערער ייִנגעלייט שטובל, קייגנאיבער אויף דער צווייט פּאַט־שענע: אין ראדאמסק לאזט דאך דער רבי נישט צו צו זיך מיט קיין קוויטל...

„מילא איר ווילט קומט לערנען אין טאַטנס זכרונה לברכס בית מדרש, אין תפארת שלמה׳ס אין חסד לאברהם, מהיכא תיתא, א קראצבארשט צוזאם עסן איז אוודאי גוט; אבער וואס פאר א העלפער בין איר דיר?״ הערצקע ציפּט זיך נאך שטארקער ביים שווארצן שיטערן בערדל — איי, מ׳ברויכט האבן אין וועם זיך אנצולענען... אפאר ברייטע ווארעמע פּלייצעס...

שלמה שטענצל, וואס ווינט דא אויבן אין דער גאס, אין לעצטן הייזל ביי דער ראגאטקע, אין איין שטוב מיט זיינע זיבן טעכטערלעך, וואס די עלצטע גייט שוין מיט אים צו בערגמאנען אין דער צעלעלוי־פאבריק. שלמה איז דארט געווען דער פאכמאן, דער פערראנטווארטלעכער פאר דער ארבעט, ער האט אויך געהאט דעם שליסל פון דער פאבריק. ער אליין, דער פאבריקאנט, איז אויך א ראדאמסקער חסיד, דאוונט אויף דער „אלטע־ראנדע״. ער האט שוין א גע־שוירן בערדל און זיין ווייב „גייט אין די האר״ און דערפאר האט מען אים אין ייִנגעלייט־שטיבל נישט מיטגענומען.

שלמה איז דער גבאי פונם שטובל און האט דעם שליסל און נאך א האלבע שעה איידער אלע קומען, איז ער שוין דא און די לעמפּ זיינען אנגעגאסן מיט נאפט, די קנויטן ארומגעשנייצט, ריין אויסגעקערט, די מפה אויפן שולחן צו־געגלעט — שלמה איז א טשענסטאָכאָווער: פונקלעכקייט, ארדענונג, גלייך, א ביסל שטייפלעך — א כאראקטער! קיין מינוט נישט שפּעטער אין פאבריק געקומען און קיין מינוט שפּעטער אין שטובל. ביי דער טיר ווארט שוין אברהם דעם בעקערס, ער ווינט אויך דא אין דער גאס, ער לערנט א שיעור ביי חמיה׳ן, דעם פעטער משה׳ס אייניקל, שלמה פייגנבוים זון פון דער ערשטער אלעי. חמיה שטייט שוין אין רייכע שידוכים, מיט פּיעטרקאווער גברים׳ס טעכ־טער, לאדזשער פאבריקאנטן, ער אליין ברענגט אויך מיט, חוץ מעלות, „צו גאט און צולייט״, א גרויסן נדן, ער איז א טאטנס א קינד, ר׳ שלמה דיינס אן אוראייניקל. פארמיטאג שטייט חמיה ביי טאַטן אין גרויסן שניט־געשעפט, רעדט מיט די פּראוויץ־סוחרים, פירט די בוכהאלטעריע, אין דער פרי לערנט ער א שיעור מיט אברהמען, זומער נאכמיטאג, ווינטער בייטנאכט — א שיעור עיון צוזאם מיט ראובנען.

ווען מיר קומען ארײַן אין שטובל איז דער לאנגער טיש באזעצט פון אויבן ביז אראפּ — עס קאכט, עס זידט, מ׳לערנט מיטם ניגון, מיט א טריוואגע, אויבן ביי דער וואנט ביים עמוד, זיצן א פאר אלטע חסידים און קורזשען די פּייקעס, מ׳זעט קוים זייערע פּנימער, די ווייסע בערד זעען ווי זיי וואלטן געווען שטיקער רויך פון די פּייקעס. דער אלטער ר׳ דודל זיצט דווקא צווישן די ייִנגעלייט און בחורים און לערנט אויפן קול, ווי א ייִנגערמאנטשיק... כ׳בין דאך אן איידעם אויף קעסט, ביי מיינע קינדער״... איראניזירט ער ווען וויל זיך אין מיטן לער־נען זיך אפּרוען און פון הארץ אראפּריידן.

דער טאטע האט נעכטן ענטדעקט אין דער ספרים־שאנק דעם „דרך־המלך“ און שטארק הנאה געהאט פון זיין צוגאנג צום רמב״ם. נעמט ער אים ארויס פון שאנק און נעמט מיך אויך צו צום טיש — ער וויל איך זאל אויך הנאה האבן. עס איז ליכטיק, די בליץ־לעמפ ברענען, דער אויוון איז איינגעהייצט, מען דאוונט מיט התלהבות, מען לערנט מיט געשמאק, אויפן טיש שטייט אן אפן מאנעפאלקעלע מיט צעשניטענעם פינטשעווער קעז, די אפגעדאַוונטע טרינקן לחיים און ווינטשן תיקון דעם בעל־יארצייט — א ליבלעכע ווארעמקייט נעמט ארום, אהיימישע נאנטקייט, דער גאנג פונם „דרך המלך“ גייט גלאט, כ׳ווער מיט געריסן, כ׳לויף פאראויס א צעהירזשעטער לאשעק, כ׳שטעל מיך אפ — דיבאם! — און לאז דעם טאט נישט ווייטער גיין: „די זעסט דאך אליין, אויב אזוי איז דאך פונקט פארקערט, איז דאך דער כסף משנה דווקא גערעכט“.

דער טאט פארט אריין מיט דער גאנצער האנט אין דער בארד אריין. ווי ער וואלט דארטן געזוכט א תירוץ, אבער ער קומט נישט פון ארט; ער קראצט זיך מיט הנאה, נישט ווי ער וואלט געזעסן אין שטיבל איבערן „דרך המלך“, נאר אין מקווה איבער א שעפעלע אקריפ־קאכעדיק וואסער און די בארד וואלט אזוי געשווומען איבער איר — ער גיט א ווארף א בליק אויף מיר, אויף מיין צעקאכט פנים און מ׳זעט, אז ער שעפט נחת.

דער טאטע האלט נישט פון די אלע הכנות פארן דאווענען, פייקע, מקווה — מ׳גיט זיך א טובל אינם „ים התלמוד“ און מ׳שטעלט זיך דאווענען.

הינטער אונז שטייט אברהם חנה׳ס „דער אייזערנער קאפ“, וואס האט ליב א טרונק בראנפן פארן דאווענען, נאכן דאווענען, ביים ערשטן מנין, ביים לעצטן; פינטשעווער זיסלעכן קעז איז חזיר טריף — מילא א שטיקל מאטיס־הערינג איז נאך צו דערליידן, „אבער דער פינטשעווער קעז!“ מ׳זעט ווי ער לייד פון דעם זיסלעכן ריח בלויז.

ער שטייט שוין לאנג הינטער אונז, ער זעט מיין טאטנס שלווהדיקע הנאה, מיין צעפלאמטקייט און ער קאן נישט מער אויסהאלטן. ער חלשט אויף א שמועס מיטן טאטן און אט דרייט זיך עפעס איינער אריין, מיט א „דרך המלך“ — די הארבע קשיה אויפן רמב״ם, וועלן זיי מיט אלע פילפולים נישט ענטפערן; עפ׳ וועט זיי העלפן ווי א טויטן ביינקעס — זיין השארת הנפש איז זיין גוי׳ס קאפ — דער אריסטאטעלעס! איין טרונק־בראנפן געב איך נישט פאר זיין גאנצער חכמה. מיט איין אויג זעט ער אין וואס דא גייט מיט זיין „אייזערנעם קאפ“ און ער פלאצט ארום:

„חיים בעריש, כ׳זאג דיר דער יינג וויל נישט לערנען; ער וועט פאלן אויף טויזנט קלאץ־קשיות, אבי נישט צו קומען פון דער שטעטל . . . כ׳פארשטיי האסט הנאה, כ׳האב געזען ביי דיין אריינקומען, ווי דו האסט דיך צוגעכאפט דערצו, ווי איך צום מאנאפאלקעלע . . . נו, וועל איך מיין קינד אויך וועלן עס דערצו צוגעוווינען? . . . שפאַן דאך אים איין דעם לאשעק, צו א בלאט גמרא, דארטן זיצט אזא דראנג, דעם שלמה גאלד׳ס זון און זאל ער מיט אים אקערן...“

דאס לעצטע איז שוין ביי אברהם חנה׳ס, דעם אייזערנעם קאפ“, געווען א פראקטישער איינפאל, עסק . . . שלמה גאלד האט א ווייך־געשעפט און דער



„שידוך“ ווערט אדורכגעפירט, קאן ער שוין שטיין ביי שלמה פאר דער טאשע־וואניע און טרינק איין גלעזל נאכן אנדערן.

דער טאטע איז א וועק מיט אברהם חנה׳ס צום שולחן און זיך גענומען מיכן זיין צום דאווענען, מיט א שמועס, מיט אן הלצהלע און איך בין שוין געבליבן זיצן בלעטערנדיק דעם „דרך המלך“.

באווערעק האבן מיר געטרונקן פארטאג אין דער היים, א גלעזל בראנפן מיט פארבייסערץ פונם יארצייט נאכן דאווענען, איז דער טאטע געבליבן זיצן אויבן אויף דער באנק, פארן עמוד, מיטן „אייזערנעם קאפ“. דער „הויכער ראובן“, מיט סקאלעטן קאפ משכמו ולמעלה, דער עלטסטער אין שטובל, וואס איז נאך אלץ קעסט־יינגערמאן געפאר צום „תפארת שלמה“, האט כסדר אריינגעווארפן א ווארט און אלץ אפגעוואנדן. א פארקוועטש געטון די פינסטערע אויגן־לעכער, א טיפן צי געטון דעם לולקע ציבעק: „וואס ווייסט איר שנעקעס . . . א בליק פון תפארת שלמה און מ׳איז געווארן פול מיט חכמה“ . . . ס׳איז נישט שייך געווען אקייגן צו ריידן, צו זאגן וואס, אז דער גרויסער ראובן האט גענומען קייכן מיט זיין אסטמאטישער ברוסט, האט דאס גאנצע שטובל גענומען אטעמען. די יינגעלייט זיינען געשטאנען ארום, די בחורים ביי די גמרא׳ס זיינען שטיל געווארן. איין ר׳ דודל האט ווייטער געצויגן דעם גמרא ניגון און געמונטערט די בחרים: „ווייס איך וואס, וואס הערט איר דעם שוטה... איך בין אויך נאך געפארן צום „תפארת שלמה“ איז מען שוין פטור פון דער גמרא, איז מען יוצא מיט פינטשעווער קעז . . .“ פאר אברהם חנה׳ס האט ער מורא געהאט, ר׳ דודל.

מיך האט אברהם חנה׳ס שוין געהאט צוזאמגעשפאנט מיט שלמה גאלדס זון, וואס שטייט אין רייכע יחוס־שידוכים. ס׳מוז אבער הייסן, אז ער איז נישט נאר א טאטנס א קינד נאר א בחור וואס זיצט ביי דער גמרא . . .

ווען מיר זיינען אהיימגעקומען איז שוין געווען ווייט נאך 10 אזייגער. די גרויסע קיך איז געווען פול מיט זון, די טיש איז געווען האלב געדעקט און אויף אונז שוין געוואַרט מיטן אנבייסן. ביים טייל נישט געדעקטן איז ביי איין זייט געזעסן צימעלע און גראנירט אירע היטן און ביי דער אנדערער זייט זיצט די מאמע, ביי איר צופיס שטייט א שפור זעקל מיט פאטשערקע־קרעלן און זי סילעט זיי אויף א שנירל.

מיר האבן באלד פערשטאנען: א צוויי הייזער פון אונז איז א צעלעלוי־פאבריק, און די מאמע מיט אירע שנעלע איינפאלן און נאך גיכערע באשלוסן האט אהיימגענומען היימארבעט, און אט זיצט זי שוין ביי דער עבודה.

איר שלאנק־שטאלטנע אויסזען, דער שטאלץ־גלייכער רוקן, דאס פארשנירלטע מויל, די גרויסע בלויע אויגן — איין געשלאסענע גאנצקייט, איין שפילעריש־געמיטלעכער אנשטרענג: צוויי שלאנק־צארטע פינגער האבן כסדר זיך באוויגן און רויטע קרעלעכלעך האבן זיך געשיט פון איין האנט, פון פולן־הויפן און צוויי פינגער פון דער צווייטער האנט, האלטנדיק דאס שנירל האבן די קרעלעכלעך פלינק אויפגעכאפט — דורך דער איינער שעה וואס זי זיצט שוין אזוי האט זי שוין געהאט ארויסגעארבעט איר געניאלע טעכניק, אז אין צוויי

טעג זאל דאס זעקל שוין זיין אויסגעליידיקט און זי וועט אהיימברענגען פון דער צעלעלוי־פאבריק דעם האלבן רובל: צימעלע קאן זיך פיין ארבעטן, זאל זי זיך אפארבעטן א נדן, אן אויסשטייער . . . לעבן פון קינדערס פראצע ? . . .

ווען מיר זיינען אריינגעקומען איז זי געווען טיף־פארטון אין איר ארבעט, אין איר שפילנדיק־דערפונדענע טעכניק, אז זי האט אונז נישט דערזען.

ווי א הייליקע האט זי אויסגעזען, ווי א קעניגין, ניין, ווי פון חומיש ארויס די מאמע רחל. איך בין געבליבן שטיין, נישט דערשטוינט, נאר פארוווּנדערט: דאס זעקעלע צירינג אין טשעלאדזש איז מיר געקומען אויפן געדאנק! אבער וואסער פארגלייך? . . . אין די אויגן האט זיך מיר געגעבן אצינד אן די פאטשערקע־בראש פונם 20'ציק קאפיקאווע געשעפט אין סאסנאוועצ . . . ווי בלייך יעדער פארגלייך! . . . איך האב דעם טאטן אנגעקוקט און האב דערזען, אז ער האט יא די ווערטער, אבער נישט מיט קיין הלצהלע זיי ארויסצוברענגען, דער שמייכל אין דער בארד האט גענומען אלץ לייטערער, אלץ ברייטערער צו לייכטן — עפעס ווי ער וואלט די מאמע ס'ערשטע מאל דערזען, איר איר אויגן ליכט.

אז די מאמע איז אין דער שטוב וועט קיינער פון די שוועסטערן נישט וואגן צו זאגן: „טאטע גיי דאך וואשן".

עס האט געדויערט א ווײלע ביז די מאמע האט אונז דערזען. איר פנים האט שנעל אנגענומען יענע שטיל־טרויעריקע מינע ווי זי וואלט געזעסן ביים רעמל און געצערעוועט א טישטוך־צערעלע. כהרף־עין איז זי צו זיך געקומען, מסתם איידער זי האט אונז דערזען, האט זי אונז שוין געהאט דערפילט און פריידיק צום טאטן זיך אויסגעדרייט: „וואס שטייסט דו און באוווּנדערסט מיך, קענסט מיך נאך נישט ? . . . גיי דיך וואשן, ס'ווארט דאך שוין ווילאנג" . . .

די פראדעצור פארן עסן, דער „שאו ידכם" און נאכן עסן דאס בענטשן האט לענגער געדויערט ווי דאס עסן גופא.

ווען דער טיש איז געווען אפגערוימט האט דער טאטע זיך נישט אויפגעשטעלט פונם בענקל, עס צוגערוקט צו דער מאמע, און מיט א מין דערשטיקטע צערטלעכקייט אין וואס האט געזאלט זיין הלצהדיק: „דו מיינסט, אז מיט מיין חמר־קאפ וועל איך נישט כאפן די קונץ ? . . ."

די מאמע, שוין צוריק ארבעטנדיק מיט איר שפילנדיקער דערפינדערישקייט, האט זיך רויטלענדיק א רגע אים אנגעקוקט, מיט איין אויג צום טאטן מיט צווייטן צו אירע קונציק באוועגלעכע פינגער — איך האבן נישט געוואגט אהינצוקוקן.

ווען איך האב מיך אויסגעדרייט האט דער טאטע שוין אימגעשיקט געצויגן איין קרעלעכל נאכן אנדערן, ווי ער וואלט געקליבן ארבעס צו א זכר . . . די מאמע האט געלאכט: „וועסט דיך אויסלערנען . . . כ'זע דו ווייסט שוין, דו קלויבסט די ווערעמדיקע, די לעכערדיקע" דעם טאטן האט הנאה געטון די מאמעס הלצה־איינפאל: „דו קענסט שוין בעסער פון מיר, כ'מיין אריינזאגן..." האט געפונען זיין שמייכלדיקן טאָן. זיי האבן ביידע געלאכט.

איך האב מיך אויך צוגערוקט צו דעם זעקל קרעלן און אויסגעשטרעקט די



האנט צו די שנירלעך. פון ביידע אויף איינמאל איז עס ארויסגעקומען: „דו גיי אין בית־מדרש א ריין!"

צימעלע איז געזעסן שטיל, איינגעגראבן די אויגן אין א הוט און גראנירט.

נישט איך בין געגאנגען נאר געלאפן! כבוד אב ואם — „שמור וזכור בדיבור אחד נאמרו": אויף איינמאל האבן ביידע ארויסגעזאגט: „גיי אין בית־מדרש אריין". איך האב נישט געוווּסט בין איך פריילעך, בין איך טרויעריק? דער טאטע זיצט און ציט פאטשערקע קרעלן . . . אבער קיינמאל האב איך נישט געזען אזא הרחבותדיקער נחת־רוח זאל זיין אויסגעשפרייט אויף זיין גאנצן הדרת־פנים . . . און די מאמעס שטילע צופרידנקייט . . . וואָס גייט דא פאר, וואס טוט זיך דא? . . . עפעס דערפיל איך יא . . .

אָנגעקומען א צעקאָכטער פארן פאָלוש פון בית־מדרש, שטייען צוויי בחורמלעך, עלעגאנטע, מיט שניפסלעך אין די געפרעסטע קראגנס און א שטודענט מיט מעשענע קנעפ, איינער פון די דריי גייט צו צו מיר: „זאג וועוועטשען אז ער זאל ארויסקומען, מיר האבן געהערט, אז ער איז נעכטן געקומען פון אַמסטעוו".

מיין פארוווּנדערטער בליק, אז איך ווייס גאר נישט ווער דער וועוועטשע איז, און נאך מער מיין הילוך אינם סאמעטענעם היט מיט די צעפלאָשעטע פאות און דער עיקר מיין צעיאַכמערטקייט האט זיי געמאכט לאכנדיק. אנקוקן איינער דעם אנדערן. דער סטודענט איז שוין געווען גרייט מיר א צי אראפ צו געבן דעם הוט איבער די אויגן.

דער העכערער, דאס איז געווען יאנקל פלאצקער, ישראל פלצקערס זון. האט אים געגעבן א כאפ ביי דער האנט און געזאגט צום אנדערן, דעם מיט קליינעם קיילעכדיקן היטעלע ווילעריש אויפן קאפ: „ווארט דא ביידע א מינוט איך קום באלד ארויס". ניין, ער איז נישט נאך אריינגעגאנגען זען צי וועוועטשע איז דא, נאר א שמעק טון, ווער איז ער דאס דער נייער פארשוין . . .

ארויסגעשטעלט האט זיך, אז מיר זיינען שכינים, און אז ער איז דעם דווארטער רב'ס, דעם „כלי־חמדה"ס א פלימעניק, און אז מיט וועוועטשען מוז איך מיך בכל אופן באקענען, ער איז דעם זשערדעווער שוחטס א זון, גאר א גוט קעפל, דער ברידער זיינער אברהם, דאס איז געווען דער עילוי פון טשענסטאכאווער בית־מדרש — אברהם וויעוויארק, ער איז היינט א בארימטער פאעט. „דו פארשטייסט נישט וואס עס מיינט א פאעט? א פייטן". ביי דעם לעצטן ווארט האט ער מיך שטארק אנגעקוקט, ווי זיך צו איבערציגן, אז ס'איז באמת קיין צוועק נישט ווייטער צו ריידן מיט דעם פארשוין, זיך שנעל א קוק ארום געגעבן און גיך ארויס פון בית מדרש.

פארן ארון־קודש איז געשטאַנען דוד פעלדשער, „דער משוגענער", „דער בעל־תשובה" זיך געוואָרפן מיט הועיות און זיך געקלאפט אין הארץ אריין. כ'האָב ארויסגענומען א גמרא, מיך געזעצט לערנען מיט א קול מיט פארטיפטקייט אלע הארבע קשיות אין מיר צו פארענטפערן . . . פאר ארון־קודש איז שטיל, ווען איך האב אויפגעהויבן דעם קאפ פון דער גמרא, זיצט פאר מיר א מענטש מיט ברענענדיקע משוגענע אויגן: „דארף איך אזוי זיצן און צוהערן?"

## א קעניגלעך ליד

ער איז זיכער נישט עלטער געווען,
פון מיר אַצינד, דער קעניג דוד,
ווען אַרויסגעשיקט מ׳האט שליחים,
א שיין מיידל אים צוגעפינען,
די ביינער אים צו דערווארעמען.

ווייס איך וואָס, ווער וועט ארויסשיקן ?
און וואָס וועלן זיי שוין געפינען ? !
נעם איך צוזאם מיינעביידע פיס,
און לאז מיך אליין אויף גאָטס באראָט — —
און וואָס פאר א שיינס אויסגעפינען.

וואָלט איך א זון, אבשלום, געהאט,
ר׳ וואלט זי מיר קונדיסיש אויסגעכאַפּט ;
שלמה — קוהלת, נישט שולמית
באזינגען ! ווי קעניגלעך אצינד,
א ליד אזוי איינער און אליין —

אפילו נישט וועם א וואַרעם פלאַש,
וואָס זאָל אין בעט אַריינדערלאַנגען,
פאר די קראַנקע געשוואָלענע קני — —
טאפ דאך אן ווי פוכלע־פריש זיי זיינען !
ניין, זיי שוויצן נישט — פון פרייד זיי וויינען.

### (2) דעם שכן „דאון סטערס״

די שטיגן זיך ארויפצוקריגן,
קומט מיר שוין אן באלד מיטן לעבן,
ווי דאס אראפגיין — מיט דער מיתה !
קענען נאך זיצן אזוי די טעג,
אין די אייגענע ד׳ אמות.

דאך ביינאכט כאפט זיך אריין ווען,
ווי ארויף שטילינק צוריק אראפ,
דארף ווער וויסן וואס ס׳טוט זיך ביי וועם ?
נאך קיינמאל שליסל פון טיר קיינעם
נישט געגעבן — צום ערשטן מאל איצט.

קיינעם אין הויז אויפוועקן חלילה,
אויף די שפיץ־פינגער, אויף די נעגל,
אסטראזשנע אויף די שטיינערנע טרעפ —
זיי זיינען נאס, פינסטער גליטשיק,
שוויצן אפנים ווי מיינע קני.



מילא, ליגן אליין פיר פינף טעג,
מען לעבט וועט מען דאך אמאל אויפשטיין !
מיך אבער מיגלען, פאר מיר אליין,
א ברמנן אזוי כ׳זאל ליגן,
ארום קאפ זשומען — טויטן־פליגן.

### (3) די צוואה

פונם מארמאר־טישל ביי לייענס,
קאן מען דאך קיין ארון נישט מאכן,
טא וויאזוי לאזן א צוואה :
מיין שרייב־טיש וואס אויף אים געאַרבעט,
למען־השם מיטגעבן אין קבר.

בלויז מיין בעט וואס אויף אים געלעגן, —
אין פיבער־אנגסט־טרוימען געשווימען,
האַלב וואך האלב אין שלאף א צעמישטער, —
שטעלט עס אריין אין א מוזעאום,
כ׳לעבן ס׳איז ווערט וואס אנצוקוקן.

ווי אן אנטיק, איינס אין דער וועלט גאר,
שוין אויפן אלטווארק־מארק געקויפט עס,
עס זען, מ׳וועט קומען אויף חדישים !
אבער ביז אהין עס פראוואדזשען,
אויפן וועג זיכער זיך צעשיטן.

איז מילא, נישט קיין בעט, נישט קיין טיש,
כאטש וואלענע גאטקעס פון דיכטער,
אונטער גלאז גראַדירט, אויפצוהענגען — —
פארגיבט מיר, אינגאנצן גאר פארגעסן,
ווי ס׳כתב־יד מייז, א מאט זיי צעפרעסן.

4

האב איך וועם צו רופן צו מיין בעט
זיי צו בעטן אין ענטשולדיקונג ?
וועמען איך האב געליבט, און ווער מיך
בין איך גאר נישט שולדיק געבליבן — —
אלץ באצאלט מיט מיין לייב און לעבן !

און די אנדערע, אז נישט איך זיי,
נישט זיי מיך, זיינען אנגעגאנגען,
פאר זיי בין איך מסתם שוין לאנג טויט,
און זיי פאר מיר . . . קיינמאל נישט געלעבט,
שאָטנס אראפגעשאָקלט פון לייב.

א־יא, כ׳האָב מיך צו ענטשולדיקן!
פאַר מיין אייגן לייב און לעבן — —
פאַר אַ פערד וואָס פאַלט אונטער דער לאַסט,
צי ברויך מען נישט בעטן מחילה?
נו, דאָס וועט טאַקע „דאָס לעצטע זיין״!

כ׳וועל מיך צו דער וואַנט שטיל אויסדרייען,
פּנים אל פּנים מיט מיין שאָטן,
אויג אויף אויג מיט אים מיך טרעפן,
און אַזוי מיין קאָפּ טיף פאַר אים בייגן,
אָן שום וואָרט, אין אייביקן טויט־שווייגן.

5

און דאָך כ׳ גיי אַוועק אַ גליקלעכער,
נישט לאָזן אַן אַלמנה וואָס וועט —
שבעים לשונדיק מיינע ביכער — — —
און אויב נישט ביי איר לייב און לעבן,
נאָך מיין טויט באַרימט מיך כאַטש מאַכן.

אַ פּעטן, אַ גרויסן, אַ ברייטן,
אַ נעקראַלאָג דאָ איינשטעלן,
דאָרט לאָזן שרייבן אַן אַרטיקל,
פון אַ ברייטן, אַ פעטן שרייבער —
נאָך אַ גרעסערן פונם נפטר.

ערשט די גין־גאָלדענע מצבה!
וואָס מיר לייענס אַ מאַרמאָר טישל — — —
ממש אַ מאָסקווער מאַוזאָלעאום!
אַ פאָר לוחות אויף אַ סינאַגאָג!
אָן אַקראַסטיך ווי צו אַקדמות.

נאָך גוט כ׳לאָז נישט איבער קיין קדיש,
פון זיינע גרייזן, טיף אין קבר,
זיבן מאָל מיך איבערצודרייען, — —
צי גאָר גאַנץ אַ גוי, גאָט זאָל באַשיצן!
נישט טרערן פון פרייד מיינע קני שוויצן.

## ע פּ י ל א ג

. . . געמיינט, אַז שוין פּטור געוואָרן פון מיר,
לאָזט זיך פון גאַנצן עסק גאָר אויס אַ בודעם;
איז אַריינגעכאַפּט, אויפן ניכטערן האַרץ,
גוטע צי שלעכטע, די פאָר לידלעך נאָך קודם.



## די פרייד פון קייט זיך אָפּצורייסן

פון אַ פאַרזשאַווערטע קייט אַ הונט רייסט זיך אָפּ,
לויפט ציין פאַרביסן, ווו די אויגן נאָר טראָגן,
אַזוי פון מיין שטויביק שטובל אַנטלאָפן,
צומאָל קיין „זיי געזונט״ קיינעם נישט צו זאָגן.

די רינגלדיקע קייט, די סיקנדיקע טעג,
גיפטיק דעם וועג זיי ווילן אים מיר פאַרלויפן;
אַרום און אין מיר דאָס וויינענדיקע געוואַי —
ווי פון האַוועקענדיקע סוקעס אויף די הויפן.

יאָ, כ׳וועל צוריקקומען ווי אַ הונט קומט צוריק,
אויף אַלע פיר אין נאָרע אַריינגעקראָכן,
בילן ווען ס׳איז נויט און וואָיען ווען איך מוז,
קייען די קייט ביז לעצטן צאָן אויסגעבראָכן.

אָבער דערפילן אים וועט מען דעם לעצטן צאָן,
אין לעבעדיקן לייב אַריין ר׳וועט זיך בייסן;
אין אַ ים־פעלדז אים געשליפן שפּיציק און שאַרף!
די פרייד פון אַ הונט פון אַ קייט זיך אָפּצורייסן —

און אין די נעכט ווען לבנה פול וועט אויפגיין,
מיט די פרייד־אַ איך וועל איר אַקייגנשפּרינגען;
נישט געביל, נישט געוואָיע — געזאַנג וועט עס זיין,
פאַרזשאַווערטע קייט גאָלד־גלעקלדיק צעקלינגען.

## צוויי סאָנעטן

1

וויאַזוי ראַנגלען נישט אויפצוהערן,
ביז לעצטע רגע נישט צו ווערן מיד,
לעצטן טראָפּן בלוט אין אויפברויז געזיד!
אַרויסגעקומען דעם סוד צו הערן.

טויזנט און איין מאָל צעשמעטערט ווערן,
צעשטיקלט, צעפּיצלט, אַן אינוואַליד,
אויסשטרעקן די האַנט און זינגען מיין ליד —
אַ פרייד־כוואַליע צעפּונקלטע טרערן.

איר לעצטן אָטעם שוימט אַ כוואַליע אויס:
„„ווילסט באמת וויסן דעם סוד הער אויס — — — —״
און נאָך איידער אָנגעהויבן זי האָט,
איינגעזאַפּט זי איז געוואָרן אין ברעג —

צומאָל געבליבן א זאמדעלע פלעק,
מיטגענומען מיט זיך זי האָט דעם סוד.

2

נו, האב איך מיך צום פעסטן פעלדז געווענט:
„דאך אפשר דו, קאָנסטו עס מיר זאגן,
וויאזוי א גאנץ לעבן זיך צו פלאָגן,
שטיקער פון איינעם געריסן, דאך צום ענד — —“

שטאָלץ און שטייף שטייט דער פעלדז אין זון־געבלענד,
ארום זיין קאפ מעווועס ווילד זיך יאגן,
זיינע אויערן זיי פולן מיט קלאָגן — — —
כ׳טאַפּ מיך ביי אים — בלינדער ביי שטומע ווענט.

גרויזאם גלאַט, א קאלטער א הארטער שטיין,
און אז טאַפּן אים טאג אויס און טאָג איין,
א וואָרט א ווינק, א צייכן ר׳וועט געבן?
כ׳בלייב שטיין — א שטיק פון אים אפגעריסן!
ווי גריזשענדיק וואס די ציין פארביסן:
אין זיך מ׳מוז טראָגן דעם סוד פון לעבן.

## ווייגנדיקער אקטאבער ים

מיין טאטנס אור־אייניקל, אסתרן, צו איר חתונה

1

די צעפינקלטקייט אויפן פלאך פונם ים,
וויפיל חכמה, וויפיל גוטסקייט עס ליגט דערין — —
כ׳זיץ שטיל־פארזונקן אויף דעם זוניקן ברעג,
און בין א טראָפּן פון דעם ליכטיקן געריין.

נישט מער צו וויסן און נישט מער צו פרעגן —
כ׳בין אליין דער פארהוילנסטער טיפער סוד!
מיט מיליאָנען אויגן קוקט אויף מיר דער ים,
צו דערזען דעם צלם אלוקים פון גאָט —

2

ווינקענדיק ער פינקלט, ער פרעג אן ווערטער,
צי וויל ער נישט דער ים פון מיר גאר דערגיין,
פארוואס אן אויפהער זיין אייביק געמאַטער,
און וואס דער תכלית דערפון, דער צוועק, דער מיין.

און וואס מישטיינסגעזאָגט קאן איך אים זאגן,
און ווי אזוי אים געבן עס צו פארשטיין —
אז בסך־הכל פון אים געקומען הערן — — —
זיץ איך פארגלאַצט, ווי כ׳וואלט געווען גאט אליין.



3

וואס קאן מען נישט דערין אלץ ארייןלייגן,
אין א שטיק שטיין פון א פעלזן אפגעהאַקט,
דעם גאנצן מוח, דאס גאנצע האַרץ, און אין וואָרט,
ווי געטשקע אויסגעטאָקט, ריטמיש אויסגעטאקט.

און דאס שווייגן ווי שטייף־פארשטיינט ס׳קאן ווערן,
אז וואס דאס לעבן און וואס שוין דער טויט?
דער הונט וואס וואַרעמט זיך אויף דער שפעטער זון
די פרוי אויפן לען־שטול וואס ברוינט זיך די הויט?

4

ווילאנג איז עס דען ווען געלעגן אזוי,
אין גין־גאלדענעם זאמד איין שטיק גלאיק גליק;
נישט ארויפגעבלינצלט צום בליציקן ים —
צו א ווינקנדיק בליקן! ווילאנג צוריק?

יא, דעמלט נאך געהאַט אלע מיינע ציין,
א טשופרינט פון אן אמתן פאָעט —
געפראַכט ווי דער הונט אצינד און אלץ געוווסט,
געברויכט בלויז באקומען איבער קאפ א גלעט.

5

אויפגעכאַפּט זיך ווי פון דרימל אין איין שרעק,
רייסט זיך דער ים א קודלאַטער הונט אויף א קייט,
איבער אים דער פעלדזן א באנומענער,
אין אלע קאָלירן א דערשראָקענער שטייט —

הינטן דאָרט וייט זעצט זיך א צעפלאַמטע די זון,
מיט א ווינקל אויג נאך בלויז, בייז קוקט דא אהער . . .
און איך א הינטל מיט עק צווישן די קני —
א פארלוירנס, וואס ווייסט נישט מער ווען ס׳געהער.

6

מיט דעם וואס געקומען, אהיים כ׳גיי צוריק,
א שטויבעלע זאמד אין ווינט, א טראָפּעלע ים;
אין אויפברויז — אן אויפגעפלאַצט בלעזעלע שוים,
א קרישקעלע פעלדז, ווען איך נעם מיך שוין צוזאם.

א רגע באלויכטן ווערן פון דער זון,
א באוועגלעכער וועל, א טויט־בערגעלע ערד;
א, אז מיין ווילן ווי אמאל צו דער פרוי,
און נאך שטאַרקער מיט יעדן טאג — צום ליד ער ווערט —

7

דער אנאויפהערעדיקער גייענדיקער ריטם אין מיר,
כ׳הער אונטער האַרץ זיין יעדן לעבעדיקן שטויס,
און יענע אין־סופיקיע רגע׳ס אין מיר — —
און אז ער ווערט שטיל, אט־אט מיט מיר גייט ער אויס.

עס וועט דאך געשען אין איין שטילע רגע,
זי נאר קענען דערהערן אין איר גאנצער גרויס,
מיך וויגנדיק אזוי א ווײנענדיק קינד,
א געשטילטס אין מאמע־ערדס ווייך־ווארעמע שויס.

8

ליד מיינס מיין לעצטער געאייביקטער חשק,
קיינמאָל אזוי געציטערט איבערן ווארט;
„נפשי חשקה בדינה אחותכם“,
„נפשי חשקה בתורה“ — — די לעצטע קארט!

דער האזארד — ס׳טעלערל א פולס איז מיט זון,
איבער מיין שטובל? איבערן גוטן־ארט?
וואס טויט, וואס לעבן — אין־סופיקע רגע!
אז אויף מיינע אלטע טעג נאך אפגעשפארט.

9

ס׳פאלן פון די ביימער לייש־בלעטלעך גאלד,
אויפן ים רעגנט ציטער־נאדל מיט זון,
ווי וואלט איך געוואָלט, תאוהדיק געוואָלט,
צער־ווערטער, צארט־פאגילדיקט ליישן, דערפון.

נישט אויפן מארמאר פון א מצבה,
נישט אפילו אויף רוקן פון א בוך —
באבע־יאכנעדיק דין־צעפלימערן —
מיך גוף־גרוי־וויאנענדיקן טויט־גערוך.

10

ווען ס׳רעגנט פאלן נישט אראפ די בלעטער,
ווערן ווי פון טרערן נאר נאס אדורכגעווייקט,
בייז עס רייסט זיי דער ווינט, עס ברויזט דער שטורעם,
יעדעס בלעטל איז פארוויקלט אין זיך און שווייגט.

גיט די זון בלויז, א רגע נאר א שיין אויף,
פאלן בלעטער — קאנפעטי אויף א כלה־קאפ!
מילא, זאל מען מיך לייגן אונטערן פלויט.
אלטן ים, גרייז־בערדיק, פארדרייט זיך נאך דער קאפ.



## וואריאציעס

וויפיל האט מען דען כוח אליין צו זיך צו ריידן,
און אליין צי רעדט מען דען ארויס א ריכטיק ווארט,
אפילו ווען מ׳זאגט זיך אריין, וואס נישט אין דער קארט.

ווייט ארויס ערגעץ, איינזאם, ביים ברעג ווו, ביים ים,
זיצן בארואיקט שטיל, ער וועט פלאַפלען — אפשר פארט,
שטאַמלדיק, אבער ס׳ריכטיקע ווארט דערהערן דארט.

עס רעדט דער ים, אויך מן־הסתם, צו זיך אליין נאר,
ווי ס׳גראַמט זיך אים, אלץ קומט אזוי טאַנצנדיק געפאַרט,
און פון טיפסטע טיפעניש ברויזעדיק אויסגעוואָר׳ט.

ווייט פון ישוב, אן אויפגעשווידערטער אנטלאָפן,
זיין כעס אויסצוגיסן, געפינען דא ס׳בעסטע ארט —
שוים אויף ליפן כוואלען רייד אין צעשויבערטער בארד!

געמוזט דערפילן, אז עמעצער הערט אים אונטער,
ווי שטיל מיט אמאל געווארן אין זיך איינגענאַרט;
אפנים, שווייגענדיק ערשט דערפילט ס׳ריכטיקע ווארט —

ווי ס׳קלינגט, ווי ס׳זינגט און תהומיש־טיף, ווי עס פארזינקט,
דאס ווארט פון די ליפן, שוים־פארביסן אפגעשפאַרט —
טראפ וואס בלייבט צומאל אויף דנא פון ערכלעכסטער קווארט...

ביז סודותדיק צום יסוד א פארטיפטער אראפ,
איבערגעלאָזן בלויז, פון געברויז, כוואליעס צעכארט,
דעם שמייכל פון זיין גרייז־גרויער צעפלאָשעטער בארד.

ווי שטיל דער ים אצינד און איך נאך שטילער פון אים,
און ווי דער הימל אין אים שפיגלט טיף אויף און קלארט,
ווארט, — ווי שווער־וואגיק, — שוועבט צעצוויטשער אויף, שווייגט און ווארט.

## ש. זאלקין ע.ה.

ביז די פיס זיינע זיינען געלעמט געווען,
אויף טערקיש געזעסן מיט זיי אויפן טיש,
און ווי לאַנג די הענט זיינע דזשאַבען געקענט — —
אבער נישט איינמאל מיטן קריידעלע־קריש,
א לידל צום זינגען זיך אויפגעשריבן,
זיך צופוסנס אויפן שניידערישן טיש.

ווי געלויכטן האב שטיל זיינע אויגן,
ווען דאס לידל זיינס ער האט מיר פארגעליינט.

און ווען געלעמט שוין אין בעט ר׳איז געלעגן,
און מיט א שטום מויל צו מיר ארויפגעוויינט,
ווי האָבן זיינע אויגן שטיל געלויכטן,
ווען איך האב אים דאס לידל זיינס פארגעליינט.

## א. אלמי׳ס טויט

. . . יא, איך קאָן קוקן דעם טויט פנים אל פנים,
אריינלאכן אין זיין תהום־פינסטער געזיכט,
אפילו נעמען די פעדער אין האַנט איך קען,
און מאכן פון אים א סאטיריש געדיכט.

אבער דאס פאסקודנע פרצוף פונם לעבן,
ווי ס׳עקלט מיך, עס נאך אנצוקוקן מער ;
וועט זיך שטעלן ווער צוקאפנס איבער מיין בעט,
און אויגן וועלן פינקלען א פאלטשע טרער.

און די אייגענע, מיינע קראַנקע געדאַנקן,
אז כ׳וועל זיי טראָגן נאך א טאג, נאך א טאג,
צי וועלן זיי העָן אויסטראָגן איין מחשבה נאך,
ווי א נופילה כאטש א דערטראַכטן זאג.

ווילאנג קאן איך מיך שפילן מיטן פליגעלע,
וואס יאגט אויפן באלטן זיין שאָטנדל נאך ?
עס האט דאך נאר כוח צו רייצן, צו אנטלויפן,
ווי לאנג פליג נאך כוח האָט צו געבן א פאך . . .

מיך מיטשען, מיט קנאה, קליינלעכקייט, מיט קליגקייט, —
מענטשלעכע דריי־איניקייט ! איינציקער טויט,
אוועקגיין פון לעבן מיט מיין קלארן געדאנק
מילא, זאל מען מיך לייגן אונטערן פלויט.

כ׳שענק אייך דעם מלא־רחמים, דעם רבנן־קדיש,
צוקאָפנס די צוויי טרער־טריפנדיקע ליכט —
מיין גאנץ פארשווארצט לעבן מטהר כ׳האב געוועזן,
מיט יעדן טראפ־טינט שרייבנדיק א געדיכט.

פאר וועם מתוודה זיין, נאך וואס א צוואה ?
כ׳באפעל און פיר אליין אויס מיין לעצטע פליכט —

## „דער קברן יאשקע קאניוך“

יודל גאלדבערגן

אונזער איינס, אז ס׳ליגט זיך אין בעט אריין,
מיינט עס ס׳וועט זיך שוין מער נישט אויפהייבן ;



כ׳ליג, כ׳ליין און זע, מעשה שטן, דווקא
פון א קברן — נחת פון אים צו קלייבן.

כ׳האַלט פונקט דאָרט, ווו ס׳אוירינגל געפונען,
און קען מיך קוים ביז מארגן דערהאַרן ;
הייב איך מיך אויף כ׳אחד האדם :
זע, א קברן וואס טוט מתים פארשארן,

און מיך האָט ער גאר לעבעדיק געמאַכט.
כ׳טו מיך אן און גיי די מעשה אקייגן !
איך גיי און גיי און פאר מיינע אויגן :
א גאנצע שטעטל פון קברים נעמט אויפשטייגן.

און וונדער איבער וווּנדער, גאלע נסים,
„די מאן בלומלעך פראשן“ מיר די אויגן,
„די סטאַדע בלויע ווייסע וואקענדלעך“ —
„זומער־פייגעלעך“ קומען אנגעפלויגן.

דאכט זיך דאך אסיען — הושענא למענך,
און „פריש באגראזטע לאנקעס“ מיצקע־דרינען !
יא כ׳גיי דאך אקייגן יאשקע קאניוך,
דעם קברן וואס האט ס׳אוירינגל געפינען.

נישט קיין צדקה תציל ממות פושקע —
א טאפ פול מיט רענדלעך האט זיך צעקלונגען !
ווי גאלדן ס׳קייקלט זיך פון דער זון אויבן —
כ׳זע שוין אין אנהויב ווי עס איז געלונגען !

אברהם ווייץ, אונזער שטעטל איז נישט טויט,
מען האט עס דאך לעבעדיק באגראָבן . . .
גראב טיפער, גראב ברייטער, אקארשט נישט ערגער,
זאלסט נאר די לעבעדיקע כוחות האבן.

זעסט, מיר האט שוין דער אָנהויב כוח געגעבן,
פון מיין לא־עליכם בעט אויפצוהייבן — —
יא, נישט קיין „סוף“, „ווייטער קומט“ — א מחיה,
בלויז ווייטער אזוי זשיוויעצעדיק צו שרייבן.

## מיטן יידישן ליד

מלך ראוויטשן צו זיין יובל

פונם „אנוכי“ ביזן „דהדולע“,
ס׳גייט דער גרויסער דיאלאג צווישן מענטש און גאט ;
מיט פרצעס „משוגענער בטלען“,
„אין־זיך“ מאלאלאג שוין אנגעהויבן האט.

מיט גלחישן לשון שפינאזע נאך,
פערחרמט פון יידישן געסל אוועק;
ברוך, געבענטשט אונזער מאמע־לשון,
אראפגענומען פון אונז דעם שווארצן פלעק.

אין אמשטערדאמער שול שמעלצן די ליכט,
שטייען טרערן־געבוקט פארן גרעסטן ייד;
וויפיל שפינאזעס ריידנדיק מיט גאט,
פלאמיק אויפגעגאנגען מיט יידישן ליד — — —

„מי כעמך ישראל גוי אחד“,
אין גאטס של־ראש שטייט דאך געשריבן אזוי!
דער שטיין צוקאפנס פון יעקב חלום,
פארוואר, דערקייגלען אים נאך מיט לעצטן אוי.

## אורי צבי גרינבערגן

און דו סאברע, ווייסער און שווארצער, זאלסט וויסן,
אן יידישן שטעטל וואלסט דו נישט געוועזן;
דיין טאטע קיין אייגענע ערד נישט געאַקערט,
און דו אין היברו — קיין שונד ראמאן געלעזן.

א מאנע, א גנעסין, א פייערבערג דאס הארץ,
און די עצמות פון זיך ארויסגענומען;
און וויפיל בחורים און מיידלעך טאנצדיק,
שטאַרבן אויף מאלאריע דא אהערגעקומען.

וואלסט דו דען א סאלדאט געווען, א ביקס געהאט,
ווען נישט מאיר־בעל־נס, דיין מאמעס ליכט־בענטשן?
און ווען נישט די יידן ווי שאף צו דער שחיטה,
איר — געפאלן ווי העלדן, געלעבט ווי מענטשן?

דער 19׳טער אפריל, דער יום־העצמאות,
עצם מעצמי פון יידישן שטעטל — — —
קייגן די קופעס אש אין אשוויץ, טרעבלינקע,
הר־ציון הר־הערצל — א נופילה־שטרעטל.

---

א רפואה שלימה **א. מ. קייזערן**! „לשון און לעבן“

---

מזל - טוב

א הארציק מזל־טוב צו דער **משפחה קראקא**, צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **רות** צו **לעא** — פיל נחת און גליק. פריינט פון יידיש לשון

---



## יוסף לעפּטוויטש

## אלמי

ווען פאדרא איז געשטארבן, האט אלמי ביי מיר געבעטן מ׳זאל אים שיקן עטלעכע עקזעמפלארן „לשון און לעבן“ מיט מיין ארטיקל וועגן אים. ווי איך האב דארט דערמאנט, זענען זיי געווען פריינט נאך פון די יארן פאר דער 1914 וועלט מלחמה, אין אנטווערפן, און שפעטער אין ניו־יארק. ער פלעגט מיך שטענדיק פרעגן אין זיינע בריוו וועגן פאדראן, שיקן אים א גרוס דורך מיר. „אט זענען מיר יונגעלייט 20 יאריקע“, האט ער מיר געשריבן וועגן פאדראן. „ווי שנעל אלץ איז אריבער“.

היינט בין איך געווען אין בושי, אויפן בית־עולם, ביים שטעלן פאדרא׳ס מצבה. „ווי שנעל אלץ איז אריבער“. אוועק נאך א יאר, און שוין נישטא מער אלמי.

איך האב געקראגן א סך בריוו פון חברים — שרייבערס אין ניו־יארק, וועגן דעם שווערן איינדריק וואס אלמ׳ס טויט — זעלבסטמארד — האט געמאכט דארט ביי זיי. „עס האט דא געמאכט א דערשיטערנדיקן איינדרוק“, שרייבט מיר א נאענטער פריינט „זיינע נאנטע פריינט האבן דערוואוסט אז ער וועט זיך נעמען דאס לעבן. ער האט פון דעם ניט געמאכט קיין סוד. ער האט אלעמען דערציילט אז ער וועט עס טאן, אבער ווען ער האט עס יא געטאן, האט עס אלעמען דערשיטערט. ער האט געשריבן ביזן לעצטן טאג. אט איז אין דער „פרייער ארבעטער שטימע“ דא היינט זיין ארטיקל וואס ער האט געשריבן מיט א טאג פאר זיין טויט, וועגן טויט פון שפינאזאן, און דערביי איז דא אויך א נעקראלאג מכוח זיין אייגענעם טויט“.

א צווייטער חבר איז געווען ביי אלמין א טאג פאר זיין טויט, „איידער איך האב געדארפט פארן קיין באלטימאר“. „מיר האט זיך אויסגעוויזן אז ער איז רוהיקער, מער געפאסט. אבער ער האט זיך ווי שטענדיק באקלאגט אז ער איז עלענט, אליין, און אז דאס לעבן זיינס איז ניט ווערט צו לעבן“.

הערזעלבער פריינט האט מיר מיט עטלעכע וואכן פריער געשריבן וועגן א פריערדיקן פרווו אלמיס צו באגיין רעלבסטמארד. „זיינע נאענטע פריינט האבן דערוואוסט אז ער וועט זיך נעמען דאס לעבן“. ער איז געווען א קראנקער, צבראכנער, איינזאמער, עלענטער מענש. ער האט זיך געהאט דערווייטערט פון די שרייבער־חברים. זיין קראנקייט האט אים געמאכט נערוועז. ער פלעגט זיך שטענדיק קלאגן פאר מיר צוליב זיין טרויעריקן „געמיט־צושטאנד“. עס איז שווער פאר אמענש וואס קהל׳ט זיך ניט, וואס באטייליקט זיך ניט אין ליטעראַרישן יאריד“. דער זאץ געפינט זיך אין אלמי׳ס א בריוו צו מיר נאך אין 1958, מיט פינף יאר צוריק. און פון דאן אן האט ער כסדר געקרענקט. „איך האב געהאט א שלעכטן ווינטער און א שלעכטן פרילינג — אין געזונט“, האט ער מיר געשריבן אין מאי 1959. „מ׳האט מיר געזאגט אז דאס הארץ איז . . . נעם א טאקסי, פאר אהיים און לייג זיך אין בעט אריין“.

און פון דאן און שטענדיק — 1960: „ביי מיר איז ניטא קיין נייעס. מיינע נערוועז־אטאקעס זענען דאך זיכער קיין נייס ניט“. 1961: „מיין געזונט? איך

מאך נאך אלץ נערוועז מיינע נערוון . . . ס׳זענען דא טעג וואס די יסורים פאראליזירן מיך פשוט. אבער — לאמיר ניט רעדן דערפון. שרייבט". 1962 : „קראנקייט — דאס טויג ניט. מיין געזונט־צושטאנד איז אלץ נאך שלעכט. ווען איך פיל זיך בעסער, כאפ איך אריין אן ארטיקל, א בריוו". דאס איז געווען דאס יאר פון מיין ווערן א בן־שבעים. ער אויך. מיר זענען אין איין יאר געבוירן געווארן, אלמי, איך, און צו לאנגע יארן, מלך ראוויטש און אפרים אויערבאך. „איך האב זיך שוין צוגעוויינט צו מיינע 70", האט ער מיר געשריבן וועגן מיינע. „וואס קומט ארויס, אז איידער מען געוויינט זיך צו די 70, ווערט מען 71 ? אבער פון איין זאך בין איך צופרידן — וואס מיך ארט ניט דער לויף פון די יארן . . . זאלן זיי לויפן ! אזעלכע טייערע יארן און אזא טייערע וועלט ? ס׳דארף באמת ניט באנג טון. סיי־ווי־אפילו ווען די וועלט וואלט בעסער געווען — דארף מען שלום מאכן מיטן גורל. דאס איז דאך דער אייביקער דרך פון דער וועלט. אפשר איז דא א זין אין דעם . . . אפשר־ניט . . . דער רבונו של עולם ווייס מסתמא וואס ער טוט ! ווען איך וואלט נאר ניט געווען אזוי איינזאם, וואלט איך מסתמא צופרידן געווען, אויך וועגן דעם קאן מען ניט זיכער זיין . . ."

מיר האבן זיך געשריבן א סך בריוו. ער האט זיך שטענדיק געבעטן ביי מיר : „שרייבט ! ס׳איז גיט צו הערן פון אייך. שרייבט ווען נאר איר האט אביסל צייט און חשק".

און אזוי קום איך צו אלמי׳ס לעצטן בריוו וואס איך האב דערהאלטן פון אים, ניט לאנג צוריק. „פאר וואס איר האט אזוי לאנג ניט געהערט פון מיר ? זינט פעברואר ביז אין מיטן יולי געוואנדערט פון שפיטאל צו שפיטאל. צוויי אפעראציעס און — ארויס א קראנקער, א צובראכנער מענש, אן האפנונג. די קאמפליקאציעס זענען ערגער פון דעם פריעריקן צושטאנד. א׳היים געקומען צו ליידיקע ווענט. איך האב בפירוש קיינעם ניט. פארלוירן אלע נאענטע דארט און דא. ס׳איז מיר שווער צו שרייבן. פריער אינגאנצן ניט געקענט. איך בין ניט אימשטאנד ארויסצושרייבן אלץ וואס איך האב איבערגעלעבט. זייט מיר מוחל פאר דעם קורצן בריוול. „איך קאן ניט מער".

איז דאס געווען זיין לעצט ווארט צו מיר — „איך קען ניט מער".

ווער קען משפטן א מענשנ׳ס טאן ? ווי לאנג א מענש קען באהערשן זיינע דערשיטערטע נערוון . . . דער נערוון־קראנקער יידישער מלך שאול, ווען ער איז געווען צובראכן, האט ער זיך גענומען דאס לעבן. אין ענגלאנד איז מיט צוויי יאר צוריק דורכגעפירט געווארן א געזעץ אז זעלבסטמארד איז ניט מער קיין פארברעך. לויט די ציפערן בעגייען ארום 5,000 מענשן א יאר זעלבסט מארד אין ענגלאנד — יעדעס יאר כמעט די זעלבע צאל. אלמי איז ניט דער ערשטער פון מיינע נאענטע פריינט וואס האבן זיך גענומען דאס לעבן. פאר אים איז געווען סטעפאן צווייג, און פאר סטעפאן צווייג דר׳ הערצל׳ס איינציקער זון, האנס הערצל. וועגן סטעפאן צווייג׳ס און האנס הערצל׳ס זעלבסט מארד האב איך געשריבן און געדרוקט עטלעכע זאכן, קענענדיק זיי פון דער נאענט, וועגן די סיבות וואס האבן זיי געטריבן צו זעלבסט מארד. אין 1959 איז



ווידער געווען א פאל ווו מיינע א נאענטער חבר, עליאט כהן, דער רעדאקטאר פון דעם ניו־יארקער ענגליש־יידישן זשורנאל" קאמענטארי", איז באגאנגען זעלבסט־מארד. האט מיר דעמאלט אלמי געשריבן וועגן דעם — „דער זעלבסט־מארד פון עליאט כהן" — דעם נאמען עליאט האבן אים די עלטערן געגעבן נאך דזשארדזש עליאט, וואס האט געשריבן „דניאל דעראנדא" — „האט דא געמאכט א שווערן רושם. דער מענש האט אין די לעצטע יארן א סך געליטן. ער איז ניט דער איינציקער צווישן דער אמעריקאניש־יידישער אינטעליגענץ וואס טראגט זיך ארום מיט אזעלכע געדאנקען". איך האב עליאט כהן געקענט גוט. ער איז געווען מיינער א ידיד. און איך ווייס אז וואס ס׳האט אים געטריבן צו זעלבסט־מארד איז געווען דאס זעלבע וואס האט געטריבן אלמין — זיינע נערוון זענען געווען דערשיטערט. „איך מאך נאך אלץ נערוועז מיינע נערוון" . . .

איינער פון די ניו־יארקער שרייבערס דערמאנט מיך אז „אלמיס ווייב און ברודער האבן בשעתם אויך אליין גענומען זיך דאס לעבן". וועגן זיין פרויס זעלבסטמארד האט אלמי געשריבן א קאפיטל אין זיין בוך „חשבון און סך־הכל". דאס בוך איז ארויס אין 1959, ווען אלמי איז שוין געווען א נערוון־קראנקער מענש. און אין דעם קאפיטל וועגן זיין פרוי׳ס זעלבסט־מארד שרייבט ער : „מיינע נערוון זענען אנגעצויגן, צום פלאצן. איז עס דער טויט ? ניין, דער טויט האט שוין לאנגע יארן אויף מיר קיין איינדרוק נישט געמאכט און כ׳האב קיינמאל נישט באדויערט די אוועקגייענדיקע. ס׳איז דאס לעבן, דאס אומגליקלעכע, וואס איז דא קאנדענסירט, פארגליווערט געווארן און דריקט אויף מיר".

מיט דעם ענין טויט האט זיך אלמי באשעפטיקט א סך, אין זיינע עסייען — אזוי למשל אין זיין גרויסע עסיי, „טויט און אומשטארבלעכקייט", וואס גייט ווי די ערשטע עסיי אין זיין באנד „אין געראנגל פון אידייען". „דאס לעבן איז א פראצעס פון שטארבן", הויבט ער דאר טאן. „באלד ווי דער מענש ווערט געבוירן, הויבט ער אן שטארבן. ס׳איז א כסדרדיק ווערן, וואס ווערט כסדר — אויס". „א באקאנטער שרייבער האט אמאל דערציילט, אז אין זיינע יונגערע יארן, זעענדיק ווי מענטשן שטארבן, האט ער געמיינט אז עס איז דא אזא חברה שטארבערס. מיט אים פערזענלעך האט עס, הויסט עס, גארנישט צו טון . . . דאס אנטלויפן פון טויט, דאס אויסערריידן צו ריידן אויף אזא אומהיימלעכער טעמע, איז נישט מער ווי א קינדיש־אומבאהאלפנע באהעלטעניש. דער טויט איז אזוי אומפארמיידלעך ווי די נאכט וואס קומט נאכן טאג".

ער האט דארט אויך גערעדט וועגן „אומשטארבלעכקייט", וועגן השארת־הנפש — און אין עטלעכע בריוו צו מ״ר האט אלמי געמאכט ווייטערע באמערקונגען וועגן דער טעמע, צי „אומשטארבלעכקייט" איז אזעלכעס וואס דער מענש לעבט טאקי נאכן טויט. „אויב נאך מיין טויט זאל מיין נשמה, אדער גייסט, צי דער זכרון, אדער ווי מיר זאלן דאס ניט רופן, נישט געדענקן און נישט וויסן אז ער איז דאס געזעסן אין דעם גוף, אין דעם ,איך׳, וואס האט געשריבן די דאזיקע שורות וועגן טויט און אומשטארבלעכקייט — איז דאס א המשך

פון מיר ?"

אלמי האט וועגן דעם זער א סך געטראכט. און ער האט דערפאר אויך
געפרווט פארשן וועגן ספיריטואליזם, „קאמוניקאציע מיט דער וועלט פון גייס־
טער". און ער האט געלייגט א געוויסן גלויבן אין די מיינונג" פון אזעלכע
וויסנשאפטסלייט ווי סיר אליווער לאדזש און ארטור היל, ביידע גרויסע פיזי־
קער. מיין בוך איז די ערשטע גרינטלעכע אפהאנדלונג פון ספיריטואליזם אין
דער יידישער ליטעראטור". ער דערציילט דארט אויך וועגן זיינע אייגנע
ספיריטואליסטישע ערפארונגען. למשל, א טרעף מיט פרץ׳ן, „ארום צוויי יאר
נאך זיין טויט". ער איז געווען ביי א פרוי, א „מעדיום". „זי איז אריין אין א
טראנס. פלוצלינג האב איך זיך איינגעהערט א טרייסל געטון פון אויפרעגונג,
ווען איך האב דערהערט איר קול, וואס האט געמאלדן: ,יצחק לייבוש פרץ איז
היער !' — און אין דעם זעלביקן מאמענט האב איך דערזען פאר זיך פרץ׳ן.
איך האב אינסטינקטיוו זיך א הייב געטון פון ארט און עפעס אויסגעשריגן. דאס
האט נישט געטויגט. די קאמוניקאציע איז איבערגעריסן געווארן. ב. ריווקין,
וועמען איך האב דערציילט פון דער דאזיקער דערפארונג, איז אויף מיר שטארק
אין כעס געווען — פאר מיין אומפארזיכטיקער האנדלונג".

אלמי איז ניט געווען א מענש פון געוויינלעכן שניט. ער איז געווען א
מענש ניט ווי אלע מענשן. מלך ראוויטש האט וועגן אלמין געשריבן : „אלמי
איז א וועגעטאריער און א שפינאזא־חסיד — און אויך דער שרייבער פון די
שורות איז געכאפט אין ביידע די מעשהס". אלמי האט וועגן זיינאנדערש־זיין
געשריבן א גלענצנדע עסיי, מיטן נאמען „מינאריטעט". „ס׳איז שווער צו זיין א
מינאריטעט", האט ער דארט דערציילט, „שטארקאנדערש — אין גלויבן, אין
אייסזען, און מנהגים, אין דיעטע, אפילו אין הולך. אויף מיין מזל איז אויס־
געפאלן צו זיין א מינאריטעט — איך בין אפילו געבוירן א מינאריטעט —
א געלינקטער. די צרות האבן זיך אנגעהויבן באלד ווי איך האב אנגעהויבן צו
עסן זעלבסטשטענדיק. די מאמע לייגט מיר א ריין ס׳לעפעלע און דער רעכ־
טער האנט און כהרף־עין לייג איך עס איבער אינדער לינקער האנט אריין.
נעמט די מאמע צוריק ארויס ס׳לעפעלע פון מיין לינקער האנט און לייגט עס
צוריק אין דער רעכטער האנט. אהין און אהער, אהער און אהין. אזוי גייט
אן מיין ערשטער קאמף אין לעבן א היפשעצייט. אייגנטלעך קעמף איך גארנישט.
קעמפן קעמפט מיין מאמע קעגן עפעס וואס איז ביי מיר אזוי נאטירלעך".

אלמי האט געשריבן א סך. „דער אומרו טרייבט אים", האט געשריבן
שמואל איזבאן וועגן אלמין. אלמי האט געזאגט וועגן זיך אליין במעט דאס
זעלבע : „יעדער מענש וויל זיך אראפריידן פון הארץ, עפענען הארץ און נשמה
פאר וועמען. ער מוז עס טון ! אויסריידן, אראפריידן זיך פון הארץ — דאס איז
אלעמאל ביי מיר געווען א ברענענדיק באדערפעניש".

יצחק הארוויץ דערציילט וועגן אלמין — „איך קען אלמין א סך יארן. איך
קען אים נישט נאר ווי א שרייבער, נאר אויך ווי א נאענטער פריינט. מיר האבן
א צייט געוווינט אינאיינעם, און מיר האבן געפירט א סך אינטימע שמועסן. דאך
איז ער פאר מיר געבליבן א רעטעניש. איטלעך מאל ווען אונזער אינטימקייט



איז אריבער די גרענעץ פון פארמעלן שמועס און מיר האט זיך אויסגעוויזן
אז אט קום איך צו אים, האט ער מיר פארשטעלט דעם וועג. אזוי איז ער וויי־
טער געבליבן א רעטעניש פאר מיר.

„אלמי זאגט : ,איך טראכט אפט, אז ווען איך בין נישט איך, נאר אנ׳אנדע־
רער און איך שטויס זיך אן אויף אזא ווי איך, וואלט ער מיך מיר אויך פאראינ־
טערעסירט און פאר אינטריגירס׳. ער וואלט געפרעגט : ,וואס פאר א מענש
איז דאס ? איך פלעג אויך אפט טראכטן : ווער איז אלמי ? וואס קומט פאר
אין אים ? איך האב געשפירט אז ער איז נישט אינגאנצן דער וואס רעדט און
שרייבט. איך האב געשפירט אין אים א פסיכישן צושטאנד, א געראנגל פון
עמאציעס און געפילן, וואס אפילו אין זיין פילזייטיקן שרייבן איז דאס נישט
געקומען צום פולן, קלארן אויסדרוק".

אלמי האט וועגן זיך געשריבן אן אייגנע ביאגראפיע — „אייגנטלעך
עטלעכע ביאגראפיעס, ווייל אין אלע זיינע זאכן איז געווען פיל אנטאביאג־
ראפיע. אין דער הקדמה צו זיין בוך „מאמענטן פון א לעבן" (1948), שרייבט
ער אז דאס זענען" ארויסגעריסנע בלעטער פון מיין ספר־החיים". אלמי איז
געווען זיין אדאפטירטער נאמען. געהייסן האט ער אליהו חיים שעפס. געבוירן
דעם 2טן יאנואר 1892 אין ווארשע, אין א זייער ארימער משפחה. זייער פרי —
אין עלטער פון ניין—אנגעהויבן שרייבן לידער", הגם ער האט נאך נישט געהאט
געזען קיין לידער, נאר געהערט זיי זינגען. צו עלף יאר באזוכט ער פרצן, וועל־
כער האט אים פאטערלעך אויפגענומען, דערמונטערט צו שרייבן. זיין ערשט
ליד ווערט געדרוקט אין 1907 אין ראמאנ־צייטונג", אונטער דער רעדאקציע
פון ה. ד. נאמבערג. ער האט פארפאסט לידער, וואס מ׳האט געזינגען אין
די ווארשעווער הויפן". איך בין געווען דער פארפאסער פון לידער אויף צייט־
טעמעס און היימישע, לאקאלע פאסירונגען. דער קאטערינקע — שפילער האט
פאפולער געמאכט מיינע לידער צווישן עולם. איך האב גרויס הנאה געהאט
הערן ווי מען זינגט מיינע לידער".

אלמי פלעגט מיר שרייבן וועגן פארשידנע זאכן. אזוי למשל וועגן זיין
קאמף קעגן אש׳ן. איך געדענק ווי איך האב באוויגן אש׳ן אז ער זאל מיר
געבן זיינעם אנ׳ארטיקל וועגן זיין באזוך אין ישראל פאר די פרייע ארבעטער
שטימע", וואס דער רעדאקטאר, לינדער, האט מיך געבעטן טון. איז גראד אין
זעלבן נומער געווען אויך אלמי׳ס אנ׳ארטיקל אין וועלכן ער איז אנגעפאלן
אויף אש, און אש האט מיר טעלעפאנירט א צארנדיקער, אז אזוי האט אים די
„פרייע ארבעטער שטימע" געדאנקט. אלמי האט געשריבן א גוט־דורכגעטראכ־
טע, גוט־אויפגעבויטע עסיי וועגן זיין שטעלונג צו אש׳ן. ער האט אים ניט
געקענט מוחל זיין זיינע „קריסטלעכע דערציילונגען וואס ער האט ארויסגע־
טראגן אין דער נישט־יידישער וועלט. ווילאנג עס איז געבליבן צווישן אונז
האט מען אים דאס פארשוויגן. זיינע פארטיידיקער וויסן נאר איין זאך, אז אש
איז געווען א ווארט־קינסטלער, דער גרעסטער פראזא־מייסטער ביי אונז. טאר
מען אים גארנישט זאגן, מוזן מיר מקבל באהבה זיין אלץ וואס ער טוט, וואס
ער שרייבט".

ס׳איז אנ׳ערנסטע באטראכטונג וועגן אש׳ס גאנג און דער יידישער ליטעראטור, אן קאמף, אן זידלעריי. ווייל אש איז דעמאלט שוין נישט געווען. נאך זיין טויט. „מיט׳ן אוועקגיין פון שלום אש׳ן אהין, ווו אלע שטארבלעכע גייען“, האט אלמי געשריבן אין דעם עסיי, „האט זיך בשום־אופן נישט פארענדיקט די קאנטראווערסיע ארום אים. זיינע ווערק, סיי די עכט־יידישע — ווי ,דאס שטעטל׳, ,רב שלומה נגיד׳, ,דער תהילים־ייד׳ — סיי יענע ווערק וואס זענען ארויס פון יידישן גדר, וועלן לאנג־לאנגע דורות געלייענט און דיסקוטירט ווערן“.

איך האב ניט געהאט צו אשן די טענות וואס אלמי האט געהאט צו אים. אבער איך האב געמוזט זאגן אלמין אז כאטש איך טייל ניט א סך פון זיינע מיינונגען, איז זיין עסיי וועגן אש׳ן א וואגיגער, און איך האב אים געלייענט מיט איינזעעניש און מיט דרך־ארץ. ער האט א רעכט צו זיין מיינונג. האט מיר אלמי געענטפערט: „איך האב געקראגן א סך קאמפלימענטן פאר דער דאזיקער ארבעט איבער אש׳ן, אבער באזונדערס פרייט מיך צו הערן פון אייך, אש׳ס אנאנטער פריינט, אייער גוטע מיינונג“.

וועגן א צווייטן גרויסן יידישן קינסטלער וואס האט זיך דערנענטערט צום קריסטוס־געשטאלט, דעם סקילפטאר יעקב עפשטיין, וואס איז ווי אש געשטארבן אין לאנדאן (און האט אגב געמאכט א פראפטפולע ביוסט פון אש׳ן) האט מיר אלמי געשריבן: „וואס ס׳איז שייך די דערשיינונג עפשטיין — ווי א מענטש און א קינסטלער — איז ער מיר, בין איך מודה — געווען אפשטויסנדיק. ער איז פאר מיר געווען צו סענזאציאנעל, צו שרייענדיק. איך האב אלעמאל חושד געווען, אז זיינע משונהדיקע פארקריפלונגען פון היסטארישע און מיט אלגארישע פיגורן, זענען א פועל־יוצא ניט פון קינסטלערישן דראנג, נאר פון א פארלאנג ארויסצורופן א סענזאציע, א סקאנדאל. דאס הייסט, אז זיין אריגינאליטעט איז נישט עכט, ניט קינסטלערישע וויזיע, נאר פראקטישע אויסרעכענונג. דאס קאן זיין מיין טעות. אבער אזוי זע איך אים. איך האב ניט ליב קיין סענזאציע־קינסטלער. דערפאר האב איך בפירוש פיינט געהאט דעם בערנארד שאו — אים און זיי שאפן. לא ברעש ד׳. ניט אין טומל איז גאט. און ניט אין טומל איז דער שעפערישער מענטש“. אלמי האט געהאט פעסטע מיינונגען וועגן קונסט און קינסטלער: „די קונסט טאר ניט זיין קיין משרת׳טע פון וועלכן ס׳איז איזם. אין די דיקטאטארישע לענדער האבן מיר א ביישפיל וואס ס׳ווערט פון דער קונסט ווי נאר זי ווערט א דינערין פון אן איזם. אידייען יא — אבער ניט פון דרויסן ארויפגעצוווּנגן“.

אלמי איז געווען א פארביסנער שונא פון דיקטאטור, אנ׳אנטי־קאמוניסט. אין די יונגע יארן איז ער געווען א ראדיקאל, אנ׳אנארכיסט. די סאוויעטישע דיקטאטור האט אים געמאכט פאר א שונא פונם „רויטן פאשיזם“. ער האט ניט געקענט ליידן די „אומפארטייאישע אדער איבערפארטייאישע, וואס חברן זיך מיט די טמאים“, מיט „סטאלינס מערדערישע שקלאפן־רעזשים“. דערפאר האט ער באקעמפט אויך חיים זשיטלאווסקין, וואס „וועגן דער סאוויעטישער ווירקליכקייט“ האט ער ניט געוואלט הערן, האט ער געהאט „טויבע אויערן“.



א קינד פון דער סאמע ארימקייט, אן סיסטעמאטישע בילדונג, איז אלמי דער אויטאדידאקט, געווארן דורך לייענען און דענקן א מענש פון ערודיציע. ער האט זיך גוט געשילדערט אין איינעם פון זיינע עס וועגן: „אויב איינער באזיצט אן איינגעבוירענעם וויסנשאפטלעכן דראנג, וועט בילדונג אים העלפן דערגרייכן זיין ציל. וויפיל פילאזאפן זענען דא צווישן די וואס טראגן זיך ארום מיט דיפלאמען פון פילאסאפישע פאקולטעטן? זייער ווייניק. דער פילאסאף פון בארוך דארף ניט קיין דיפלאם. דעם ,פילאסאף׳ וואס איז בלויז אויסן א דאקטאר־טיטול, העלפט ניט קיין דיפלאם“.

אלמיס פילאסאפיש דענקן האט אים געפירט דערצו וואס ער איז געווארן א געגנער פון דעם שאבלאנעם פריידענקער — אטעיזם פון די אלטע ראדיקאלן. „איך האב קיינמאל נישט מתפלל געווען“, האט ער אונז דערציילט, „נישט אין א מקום־קדוש, און ניט אין די טעמפלען פון קולטן. ספקות אין זיי אלעמען האבן מיך אפגעהאלטן“.

ער איז געקומען צום שלוס אז „דער אטעיסט גלייבט אז ער גלייבט נישט. אבער דער אמת איז, אז אויך דער אטעיסט איז א גלויבער. ער גלייבט אז דורכן איבערבייטן איין ווארט אויף אן אנדער ווארט — דאס ווארט גאט אויף דעם ווארט נאטור — האט ער פארענטפערט דאס גרעסטע פראבלעם. איז די וויסנשאפט געווארן ביי אים א רעליגיע. אבער די וויסנשאפט אליין בייגט איצט איר קאפ פאר דער קאסמישער מיסטעריע. איינשטיין, דזשינס, פלאנק, עדינגטאן, אזעלכע ריזן פון דער וויסנשאפט, זענען מודה אז דווקא די וויסנשאפטלעכע פארשונג האט זיי געפירט צו גאט“.

באשעוויס האט געפונען פאר אלמין דאס ריכטיקע ווארט: „אלמי איז נישט געקומען אין זיין דענקן צו קיין באשטימטן אויספיר. ער ווייזט נישט אן וואס מען דארף קאנקרעט טאן. אלמי איז א גאט־זוכער, נישט א גאט־געפינער“.

אלמי איז געווען א פאעט. ער האט ארויסגעגעבן עטלעכע בענד לידער. און שרייבנדיק וועגן פאעזיע, האט ער אויך געטראכט ווי אין זיינע נאכטראכטונגען איבער לעבן און טויט, און גאט און נאטור, אז פאעזיע קומט פון אזעלכעס וואס מ׳רופט אן רוח־הקודש. „אויב אייך געפעלט בעסער אינספיראציע, אדער מוזע — זאל זיין אזוי. נישט דאס ווארט איז דער עיקר, נאר דער מאך דערפון“.

האבן א סך געשריבן וועגן אלמי׳ס לידער. האט ניגער געשריבן וועגן אים — „אלמי איז נישט דער איינציקער צווישן דעם היינטיקן דור יידישע פאעטן וואס גזרת ת״ש האט אים געפירט צו פארצווייפלונג, נישט נאר צו צווייפלען, אבער זעלטן ווער עס האט עס אויסגעדריקט מיט אזא ענדגילטיקייט און מיט אזא אפנקייט“. משה רגאסמאן האט אים ארויסגעהויבן פון צווישן דעם מין פאעטן וואס גלאצט מיט אומפארשטענדלעכקייט, הילט זיך איין אין פוטעראלן פון מכלומרשטער טיפקייט. אלמי איז דאס, דאנקן גאט, נישט. אים פארשטייט מען, זיינע לידער לייענט מען מיט הנאה“.

איך האב געהאט דאס גליק וואס אלמי האט געהאלטן פון מיינע ארבעטן. אזוי האט ער זיך אפגערופן וועגן מיין באנד לידער: „מיט אייער בוך לידער

האט איר זיך פאר מיר אנטפלעקט פון אן אומגעריכטער זייט. איך האב ביז אהער אייך באגעגנט אויפן פאעטישן פעלד ווי אנ׳איבערזעצער, אדער איבער־דיכטער. איצט האב איך אייך דערקענט ווי אנ׳אריגינעלן פאעט. די לידער לייענען זיך אריין און געמיט אריין".

און אין א צווייטן בריוו: „אייער בוך לידער האט מיר פארשאפט א סך גענוס. און ניט נאר מיר. דא איז געווען ביי מיר מיינער א פלימעניק (פון מיין פרוי׳ס צד), א העכסט־געבילדעטער מענש, האט ער זיך גארניט געקענט אפ־רייסן פון אייער בוך לידער".

ער האט געהאלטן פון מיינע אנטאלאגיעס, און פון מיין באנד איבער־זעצונגן פון פרץ. און בפרט פון מיינע הקדמות צו די דאזיקע ביכער. איך וועל דא ניט איבערגעבן די אלע לויב־געזאנגן וועגן זיי, וואס האבן מיר פאר־שאפט א סך פרייד. ער האט מיר איינמאל פארגעשלאגן אז איך זאל ארויס־געבן א באנד פון מיינע פארשידענע הקדמות. איך וויל בלויז ציטירן זיין מיינונג וועגן דער הקדמה צום פרץ־בוך. „דער אריינפיר איז א מייסטערווערק. אין א לפי ערך קורצן טראקטאט האט איר אריינגעפאקט אזוי פיל מאטעריאל, אידייען, פארגלייכן און פארשטענדיש, וואס וואלט ביי אן אנדערן בארנומען א היפש בוך. בכלל גענומען, איז אייער אפהאנדלונג א מייסטערווערק, סיי אין פארטיפונג, סיי אין דער קאנסטרוקציע פון דער עסיי."

איך האב פארלוירן א פריינט, א ליבן פריינט, א נאענטען מענש, וואס מיר האבן זיך געגנזייטיק געאכט, געהאט דרך־ארץ איינער פארן צווייטן. זיינע אפטע בריוו וועלן מיר שוין מער ניט אנקומען. ביי מיר וועלן בלייבן ליגן די ביז־איצטיקע בריוו זיינע — א שטויס מיט בריוו. ער וועט מיר פעלן. נישטא מער אלמי . . .

עלע זילבערג

## ש. זאלקין ע.ה.

מיט א יאר 12 צוריק האב איך ש. זאלקין צום ערסטן מאל געטראפן. עס איז געווען ביי די „יידיש ליטערארישן שבת־נאכמיטאגס" בערנער סטר. שוין דאמאלסט האט ער אויף מיר דעם איינדרוק געמאכט פון א שטארק ליי־דענדן מענשן. זיינע טרויעריגע מעלאנכאלישע אויגן האבן דערציילט פון זיינע פיזישע אויך גייסטיגע ליידן. מען האט ממש געקענט זען ווי דאס בלוט קאפעט פון זיין פערוואונדעטער נשמה.

נאכדעם ווי מיר זיינען נענטער בעקאנט געווארן האט ער מיר געגעבן זיינע לידער צו לעזן. א גאנץ שיינע קאלעקציע פון פאעמען, איבער פארשידענע טעמעס. אין זיי האט ער אויסגעגאסן דעם אינהאלט פון זיין גאנצעס לעבן, די שווערע ארבייטס טעג, די לאנגע שעה׳ן ביי דער מאשין. די ארימקייט פון אידישן ארבייטער. אין אלע די לידער האט זיך געפילט די צובראכענקייט פון אן אויסגעמאטערטן מענשן און א בענקשאפט נאך א ביסאלע רו און א לייכ־טערן לעבן. נאר אין זיינע ליבע־לידער און די פאעמען פון דער נאטור לייכט זיין געמיט אויף, ווי אן אנגעצונדן ליכטל אין א פינסטערן צימער.



זאלקין האט געשריבן זיינע לידער אויפריכטיק פשוט, ער האט ניט געש־וועבט אין די לופטן, זיך ניט געיאגט נאך גאלדענע פראזן. ער האט זיינע לידער באגלייט איינפאך און ריין אזוי ערליך ווי ער איז אליין געווען.

וואלט ער געהאט מער גייסטיגער אונטערשטיצונג וואלט זיך געוויס זיין טא־לאנט נאך בעסער ענטוויקעלט. נאר זיין בעשיידענקייט האט אים נישט צוגעלאזט זיך אין די פאדערסטע רייען פון קולטורעלן געביט צו דריינגן, אזוי אז ווען ניט פאר „לשון און לעבן" אין וועלכן דער רעדאקטאר האט אים פריינדלעך אייפגענומען, וואלטן מיר געוויס נאך ווייניגער פון אים געוואוסט.

זאלקינד האט נאכגעלאזן א היבשע זאמלונג פון לידער וועלכע ווען פאר־עפנטליכט וואלטן מאכן א שיינעם בוך צו לעזן.

עס וואלט זיך וועלן זען זיין גרעכטן וואונש דערפילט צו ווערן, און מיר קענען נאר האפן דאס זיין משפחה ווערט דעם חוב דערפילן.

משה דאמב

## אלחנן וואגלער־ראזשאנסקי

(מיין באגריסונג אין אמבאסאדאר האטעל)

ס׳איז דא א מעשהלע וועגן בעל־שם טוב: דער בעל שם טוב איז אמאל געווען אין א אכסניה אין א פארווארפן קארפאטן שטעטל, סע האט דארט געש־מעקט פון ביער, שנאפס, שמאלץ הערינג, זויערע איגערקעס, פייקע רויך און מאבארקע, האבן פארנעפלט די אכסניה, אזוי אז מע האט ניט געקענט זען די רויע פנימדיגע בעל־עגלות, פויערים מיט לאנגע בייטשן און שעפסענע פעלצן, יידן מיט בערד און פיאות, קלזמרים מיט א מארשעליק, ווייבער מיט וויינענ־דיקע פיצל קינדערלאך, און פלוצלונג האט זיך דערהערט אין דעם טומאן רויך אייסגעמישט מיט גערודער, א טיף מעלאנכאליש לירישער ניגון פון א פידעל. דער בעל שם טוב איז געווארן אזוי שטארק באגייסטערט פונעם ניגון און גע־בעטן אז מע זאל צורופען צו אים דעם פידל שפילער, דאס איז געווען אן אלטער רוסישער יידישער קלעזמער וואס איז אנטלאפן פון רוסלאנד, דער בעל שם האט אויך אים א קוק געטון און געזאגט צו די ארומיגע יידן: דאס איז א גרויסער ייד . . . ער ציט דעם ניגון פון דער היים אזש פון זיינע העט העט ווייטע פארבענקטע געגנטן.

דווקא דערפאר איז וואגלער א גרויסער פאעט וואס ער ציט דעם ניגון פון זיין העט העט ווייטע פארבענקטע היים, מיט שטילע שליאכן, זאמדיגע וועגן, פעלדער און וועלדער, וואס ער האט אזוי הארציק ליב און זינגט אזוי איינזאם און מיט אזא פארבענקטע מעלאנכאליטקייט איבער דעם עלעמען וואס זיינע טרויריגע אויגן האבן אמאל אמאל געזען, אוי, די פארלוירענע היים ליגט אים אזוי אויפן הארצן און אין זיין מעכטיקע עמפינדליכע נשמה וואס ציט און נאגט ביים פיבערטיקן הארצן פון יעדן גרויסן פאעט,

כ׳ווייס, איך וועל אייביק באדוירן,
וואס כ׳האב מיין היים אנגעווירן,

דורך אירע פורפורנע טויערן
זיינען אדורך מיינע יארן.

ווילנע מיין וויג און מיין דויערן,
מיטן קלאפ פון מיין הארץ אויף פאנאר
א וועג לייגן צו זיינע טויערן
וועל איך מיט מיין שטיינערנעם הארץ.

ס׳איז די טיפע בענקשאפט צום אמאליגן, צום ארט אווו סע האט געלעבט אזא ריזיקעור פאעט ווי משה קולבאק, דעם שטארקסטן איינפלוס האט אויף אים געהאט משה קולבאק, אויך קולבאק האט ליב געהאט דעם ווייס רוסישן פייזאזש מיט די געדיכטע וועלדער און פארבענקטע וועלדישע וועגן מיטן ווייסרוסישן פויער מיט זיין עכטע ברייטהארציקע גוטסקייט ווי די ווילדע ברייטהארציקע העט ווייטע רוסישע סטעפעס,

פון פלוימען סאד און וואלד די שפראך
**האב איך איר געזאנג געהערט :**
מיין ברודער איז דער ווילנער שליאך,
מיין ווייב — די ליטווישע די הייסע ערד.

אז קוקט גוט זיך אריין אין וואגלערס פארבענקט פאעטיש פנים, זעט מע אז ער טראגט מיט זיך די טיפע ערליכע בענקשאפט צו די ליבע פארלוירענע היים, צום אמאל וואס וועט זיך שוין קיינמאל, קיינמאל, ניט צוריק קערן, ווי האט מיטצקיעוויטש געזינגען אין זיין גרויסע פאעמע „פאן טאדעאש : א, ליטע, מיין היים,

ביסט אזוי ווי דאס געזונט . . .
כ׳האב דיך אנגעווירן . . .
און כ׳בענק אזוי נאך דיר אצינד . . .

א חוץ דעם אלעם סענטימענטאלן אינהאלט אין זיינע לידער, איז וואגלער א פאנטעיאיסט, וואס האט אזוי ליב חיות, פייגל, ער זעט גאט און די נאטור ווי איין גאנצעס, וואס לויט שפינאזע, האט דאס פילאזאפיש אנאליזירט : דעאס אד טע נאטורא, גאט און נאטור איז דאס זעלבע. די ליבשאפט צו די נאטור ביי מענשן נעמט זיך פסיכאלאגיש פון דעם וואס מע ווערט אנטוישט פונעם מענש, אדער מע האט אמאל געליטן פון מענשן, וואגלער איז פון קינדערוויז אן געוועזן א פארוואגעלטער, א יתום, געוועזן אין יתומים־הייזער. כ׳באגריס אייך הארציק דא אין לאנדאן, ליבער חבר וואגלער.

---

## יידיש ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנער סטר. (איצט הענריקעס סטר.) 33. 3 אזייגער)

שבת, דעם 2׳טן נאוועמבער — א. אלמי ע.ה. עס באטייליקן זיך : י. ביעטש, מ. מינדל, י. א. ליסקי, משה דאמב, נעט רובין.
שבת, דעם 9׳טן לכבוד דעם 100׳סטן געבוירן יאר פון ש. אנסקי.
שבת, דעם 16׳טן — 66 יאר בונד. רעדנער סעם לעף.
שבת, דעם 23׳סטן — **דער יובל השבעים פון מלך ראוויטש.**

ש. זאלקין •

## חצות

שטיל די נאכט, דער זייגער האט געשלאגן צוועלף,
אויף יענער זייט טייכל עס יאמערן וועלף,
און ערגעץ־וואו הייזעריק ס׳קריפעט א וויג —
א מאמע עס בעט זיך : „נו, ליג שוין, קינד, ליג !“
אין א שטיבל עס צינדט זיך א לעמפעלע אן,
אונטער אויוון ס׳האט זיך צעקרייעט א האן,
די גריל זי ענטפערט : „שלאף נאר, יא שלאף ;
צו דער פינסטערער נאכט עס איז נאך קיין סוף !“
אן אלטינקער ייד צו חצות האט דערוואכט,
די וויינענדיקע קלאנגען עס שרעקן די נאכט.
די אוראלטע חורבות ער נעצט מיט זיין טרער,
די הימלען מיט וואלקנס פארהענגען זיך שווער
און הילן אין שווארצקייט די שלאפנדע וועלט
וואו ס׳ציטערן קלאנגען און מענטשן פון קעלט.

## יידישע ביכער פארן בריטישן מוזעאום אין לאנדאן

מיט א צייט צוריק איז געגרינדעט געווארן אין לאנדאן א קליינער קאמיטעט פון פארשטייער פון א ריי יידישע אינסטיטוציעס מיט דער אויפגאבע צו פאראייביקן אויף א געוויסן אופן דעם אנדענק פון פארשטארבענעם אקטיוון געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן טוער, יונה פאדאלסקי. אויפן פארשלאג פון לאנדאנער ייווא איז באשלאסן געווארן איבערצוגעבן פארן בריטישן מוזעאום א גרעסערע זאמלונג פון וויכטיקע יידישע ביכער מיט א ספעציעלער דערמאנונג וועגן דעם נפטר. דער בריטישער מוזעאום האט מיט פארגעניגן אנגענומען דעם פארשלאג פון דעם קאמיטעט און די טעג זיינען איבערגעגעבן געווארן פאר דעם בריטישן מוזעאום 339 ביכער, וואס זיינען ספעציעל צוזאמענגעשטעלט געווארן פאר דעם דערמאנטן צוועק.

די זאמלונג נעמט ארום די נייעסטע אויסגאבעס פון א ריי יידישע צענטערס ווי ישראל, ניו יארק, בוענאס איירעס, פאריז, ווארשע און אנדערע. דער רוב פון די ביכער האבן א שייכות צום יידישן חורבן אין אייראפע, הער עיקר צו דער געשיכטע פון אומקום פון א גרעסערע צאל יידישע קהילות איז מזרח אייראפע און וועלן בלייבן א וויכטיקער ביישטייער צו די גרויסע היסטארישע זאמלונגען, וואס געפינען זיך אין דעם בריטישן מוזעאום.

א חוץ דער גרויסער צאל פון זכרונות, טאגביכער, אפהאנדלונגען וועגן געטאס און לאגערן, איז כדאי באזונדער אונטערצושטרייכן דעם היסטארישן ווערט פון די יזכור־ביכער פון א ריי קהילות אין מזרח־אייראפע, וואס זיינען א טייל פון דער זאמלונג. די צאל פון יזכור־ביכער דערגרייכט ביז 50 און איז, דוכט זיך, די איינציקע זאמלונג פון דעם מין אין ענגלאנד. און עס איז כדאי צו דערמאנען א טייל פון די ביכער, זאלן לכל הפחות די אפשטאמיקע פון די שטעט וויסן, אז איצט איז פאראן אין לאנדאן א מעגלעכקייט צו באקענען זיך מיט דער געשיכטע און טראגישן אומקום פון זייערע אמאליקע היימען.

צווישן אנדערע געפינען זיך אין דער זאמלונג יזכור ביכער פון פאלגנדיקע יידישע קהילות: ווארשע, קראקע, לעמבערג, בריסק, לובלין, לאדזש, ראדאם, סלאנים, וויטעבסק, ווילנע, טשענסטאכאוו פלאצק, זשעליכאוו, אוסטראוו-מאזאוויעצק, כעלם, סטריקאוו, טשעכאנאוו, פאביאניץ, זאבלודאוו, לענטשיץ, סאכאטשעוו און אנדערע.

אין דער זאמלונג געפינען זיך אויך אנדענק-ביכער פון פערזענלעכקייטן, צווישן אנדערע: זיגעלבוים, ערליך-אלטער, י. נ. שטיינבערג, קאטשערגינסקי און מענדעלסאן.

עס געפינט זיך אין דער זאמלונג דער לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, אלמאנאכן פון יידישע שרייבער אין ישראל און אמעריקע און א ריי קריטישע אפהאנדלונגען איבער יידישע שרייבער אין דער וועלט.

כדאי צו דערמאנען אז צווישן אנדערע זיינען פארטרעטן אין דער זאמלונג מיט פאעזיע און פראזע: ה. לייוויק, י. גלאטשטיין, א. צייטלין, א. סוצקאווער, איציק מאנגער, ש. אש, ז. שניאור, י. י. זינגער און זינגער-באשעוויס.

אויך דר. חיים זשיטלאווסקי איז איינגעשלאסן מיט א קאמפלעט פון צען בענד פון זיינע שריפטן, אויך פולע קאמפלעטן פון דער גאלדענער קייט און דווקא.

אין קורצן, צום ערשטן מאל האט זיך איינגעגעבן צוזאמענצושטעלן א גרעסערע איינמאליקע זאמלונג פון יידישע ביכער פארן בריטישן מוזעאום. די ביכער וועלן בקרוב ווערן קאטאלאגירט און יעדער וועט האבן אין לאנדאן א צוטריט צו פארשיידענע נייע אויסגאבעס, וואס זיינען ביז איצט כמעט נישט געווען בנמצא אין יידישן לאנדאן.

מ. ז.

---

## א רפואה שלימה

דער פאעט **שמואל וואהייט** האט אדורכגעמאכט אן אפעראציע.

דער בוך-הענדלער **מאזין** געפינט זיך אין שפיטאל. פריינט פון יידיש לשון

---

סקערניעוויצער און ראווער הילפס-פאריין

ליבער פריינט, הארציק לאדן מיט אייך איין צו קומען אויף דער

### הזכרה - פארזאמלונג

וואס מיר וועלן אפהאלטן זונטאג, דעם 17טן נאוועמבער, אין

### קארא-האטעל, אפפער וואבורן פלעיס, וו.ס.1.

א צאל גוט-באקאנטע רעדנער וועלן זיך באטייליקן. לייכטע דערפרישונגען.

סקערניעוויצער און ראווער לאנדלייט, אונזער יערלעכע אזכרה, וואס מיר וועלן אפהאלטן זונטאג, דעם 17טן נאוועמבער, איז די געלעגנהייט פאר יעדן איינעם פון אונז אויסצודריקן זיין מיטגעפיל, זיין אבלות-טרויער נאך זיינע נאענטע און טייערע, וועלכע זענען פארטיליקט געווארן דורך די דייטשע נאצי-רוצחים, ימ״ש.

אין שייכות מיט את דער דאזיקער טרויער-דאטע, ווענדן מיר זיך צו אייך, לאנדסלייט פון די ביידע קהלות, אז איר זאלט אלע זיך צו זאמענקומען צו דער יארצייט-פיירונג, כדי מיט נשמה-דערהויבנקייט צו הייליקן דעם אנדענק פון פארפייניקטע טאטע-מאמעס, קרובים און קינדער, וואס האבן זייער לעבן אוועקגעגעבן פארן פאלק.

ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳ — דער קאמיטעט

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 384) פיר און צוואנציקסטן יאר דעצעמבער 1963 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

ש. אנ-סקי אויפן טויטן-בעט (צייכנונג) ........ י. זיידענבייטל
ש. אנ-סקי דער שאפער פון דער קלאסישער יידישער דראמע „דער דיבוק“
** 1
קאלום (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 5
דריי זיינען זיי געווען, צום טראגישן טויט פון פרעזידענט קענעדי (עסיי)
אליהו פאלושאק 6
דאס דריידל (ליד) ........ אפרים ברוך לאנדסמאן 10
יידישע פילאזאפיע און טראדיציע (שמעון חשמונאי און יהושע בן פרחיה)
י. ריכטיגער 11
בזמן-הזה, חנוכה-באלאדע אין מסקווע, 22׳סטער נאוועמבער 1963, זיין עמינענץ דער פויפס, (חנוכה-און צייט-לידער), מיין טאטנס-הויז (המשך) ........ א. נ. שטענצל 14
פרילינג דערוואכונג (ליד) ........ עלי זילבערג 31
א קוש פון א מאמע (ליד) ........ הערשל פאצאנאווסקי 32
טעג (ליד) ........ שמואל וואהייט 32
מלך ראוויטש — א בן שבעים (רעפעראט) ........ יהודה ביעטש 33
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

בערנער סטר. 33 א.1. (הענריקעס טר.) שבת 3 א זייגער

שבת, דעם 21׳סטן דעצעמבער—הומאר און פאלק-ליד: מ. ווייסגראז. נ. רובין.

יאנואר 1964 25׳סטער יארגאנג „לשון און לעבן“ — א דאפל-נומער

---

### פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט-פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*